בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

ספר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה און פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן, גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

262

תשפ"ב

היכל הקודש

צו באקומען וועכענטליך די עצתו אמונה רופט: 718-387-2691

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**718.384.1652**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב הבעל שם טוב 7**
**052.760.5715**

נדפס ע"י

**קרן הדפסה**
**היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

זָאלְן מִיר שִׁיקְן דַוְקָא צוּ אַ מוֹסָד וואוּ מֶען רֶעדְט אוֹיף אִידִישׁ?..........................א
גֵיין צוּ דִי עֶלְטֶערְן אָנְגֶעטוּן וִוי זֵיי ווִילְן..........................ב
זָאל אִיךְ שְׁנַיידְן אַלֵיין דִי גְרָאז?..........................ד
וֶוען שֶׁערְט מֶען אָפּ אַ קִינְד וָואס וֶוערְט דְרֵיי יָאר אִין בֵּין הַמְצָרִים?..........................ה
וִוי אַזוֹי זֶעט מֶען זִיךְ אַרוֹיס פוּן א"וֹ ס"י ד"י (OCD) פְּרָאבְּלֶעמֶען?..........................ה
וִוי אַזוֹי שְׁטַארְק אִיךְ זִיךְ אִיבֶּערְצוּבֶּעטְן וֶועמֶען אִיךְ הָאבּ גֶעטְשֶׁעפֶּעט?..........................י

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

אוֹיסְצֵייכֶענוּנְג פַאר דֶרֶךְ אֶרֶץ..........................א
אַייְנְפְלַאנְצְן אִין דִי קִינְדֶער דִי דְרֵיי חֲלָקִים פוּן אֱמוּנָה..........................א
פַארְשְׁפְּרֵייטְן אֱמוּנָה, טְרָאץ וָואס מֶען וֶוערְט בַּאשְׁמוּצְט אוּן פַארְשֶׁעמְט..........................ג
קָאנְטְרִי "אִילָן הַחַיִּים" אַ גוּטֶע סְבִיבָה פַאר דִי זוּמֶער..........................ד
פַארְדִינְט פּוֹינְטְס, אוּן פַארְלוֹירְן אִיבֶּער הוּנְדֶערְט טוֹיזְנְט דָאלֶער..........................ה
אַ זִיבְּן יֶערִיג קִינְד גֶעעֶנְדִיגְט שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה אִין דִי פְרֵייעֶ צַייטְן..........................ו
מֶעסְטְן דִי וֶוערְטֶער, נִישְׁט מְצַעֵר צוּ זַיין דִי עֶלְטֶערְן..........................ו
אוֹיבּ מֶעגְלִיךְ, זָאל מֶען נִישְׁט מַאכְן דִי אַפֶּעְרַאצִיֶע אִין דִי דְרֵיי וָואכְן..........................ז
דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גְרֶעסֶער פוּן אַלֶע דָאקְטוֹרִים..........................ח

בְּלַייבְּט אַלְץ פַארְדֶעקְט אַייעֶר קָאפּ............ח

כַאפּ זִיךְ צוּרִיק אַרוּיף אוֹיפְ'ן וָואגְן............ט

דִי שִיעוּרִים וֶועלְן זַיין אִינֶעם אַלְטְן בִּנְיָן פוּן דִי הַדְפָּסָה............י

נִישְט עֶנְטְפֶערְן אַ נוּמֶער אָדֶער אִימֶעיל וָואס מֶען קֶען נִישְט............י

זוּךְ גוּטְס אִין דַיין קִינְד, וֶועט זִי וֶוערְן צוּרִיק עֶרְלִיךְ............יא

עֶס זָאל אוּנְטֶערְקוּמֶען אַ גוּטֶע שִידוּךְ אוּן דִי עֶלְטֶערְן זָאלְן מַסְכִּים זַיין............יג

אִיז הֵיכַל הַקוֹדֶש אַ פְּלַאץ נָאר פַאר שְוַואכֶערֶע מֶענְטְשְן?............יד

אָנְטְרָאגְן אַ שִידוּךְ............טז

זִיךְ שְטֶעכְן מִיט מֶעדֶעצִין וָואס נֶעמְט אַוֶועק דִי אַפֶּעטִיט?............טז

לֶערְנְט אַייעֶרֶע קִינְדֶער נִישְט צוּ הָאבְּן מִיט פְרֶעמְדֶע מֶענֶער............יז

כַּשֵר דַיין טֶעלֶעפָאן............יח

יֶעדֶער זָאל קוּמֶען צוּ יוֹם כִּפּוּר קָטָן, אַיינְרֵייסְן פַאר אִידִישֶע קִינְדֶער............יט

אִיךְ וִויל זֵייעֶר שְטַארְק זַיין מִיט דִיר בְּקֶשֶר............יט

שְלִיס זִיךְ אָן אִינֶעם נַייעֶם קָאמְפֵּיין............כא

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס הֶעלְפְט בּוֹיעֶן דִי מוֹסְדוֹת............כב

אַז אַ שַדְכָן רוּפְט דִיר - זָאלְסְטוּ מִיט אַרְבֶּעטְן............כג

מֶען הֶעלְפְט דִי מוֹסָד מִיטְ'ן גַאנְצְן הַארְץ............כג

אַז מֶען אִיז מְכַבֵּד דִי וַוייבּ הָאט מֶען אוֹיסְטֶערְלִישֶע הַצְלָחָה............כד

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

**זָאלְן מִיר שִׁיקְן דַוְקָא צוּ אַ מוֹסָד וואוּ מֶען רֶעדְט אוֹיף אִידִישׁ?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי שֵׁיינֶע שִׁיעוּרִים.

מִיר וואוֹינֶען אִין בְּנֵי בְּרַק, מִיר ווִילְן זֵייעֶר שְׁטַארְק שִׁיקְן אוּנְזֶער טָאכְטֶער צוּ אַ קִינְדֶערְגַארְטְן וואוּ מֶען רֶעדְט אוֹיף אִידִישׁ, אָבֶער דִי קִינְדֶערְגַארְטְנְס נֶעבְן אוּנְזֶער הוֹיז אִיז נִישְׁט חֲסִידִישׁ אוּן מֶען רֶעדְט נִישְׁט אוֹיף אִידִישׁ, אוֹיב ווִילְן מִיר שִׁיקְן צוּ אַ פְּלַאץ וואוּ מֶען רֶעדְט אִידִישׁ דַארְף מִיר גֵיין אַ לֶענְגֶערֶע וֶועג אַהִין, אִיז כְּדַאי זִיךְ אָנְצוּשְׁטְרֶענְגֶען צוּ שִׁיקְן דַוְקָא נָאר דָארְט וואוּ מֶען רֶעדְט אוֹיף אִידִישׁ, אָדֶער עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי ווִיכְטִיג?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת שְׁלַח, מְבָרְכִים הַחוֹדֶשׁ, כ"ה סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן**

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.**

**עֶס אִיז כְּדַאי צוּ שִׁיקְן אִין אַ מוֹסָד וואוּ מֶען רֶעדְט אִידִישׁ, אֲפִילוּ עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי נָאנְט צוּם שְׁטוּב.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

**...**

# גֵיין צוּ דִי עֶלְטֶערְן אָנְגֶעטוּן ווי זֵיי ווִילְן

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שֵׁיינֶע שִׁיעוּרִים, סְפֶּעצִיעֶל דִי חִיזוּק פַאר פְרוֹיעֶן, וָואס אִיז מִיר זֵייעֶר מְחַזֵק און הֶעלְפְט מִיר אַסַאךְ אִין לֶעבְּן. אִיךְ וַוארְט יֶעדֶע וָואךְ אוֹיף דֶעם וֶועכְנְטְלִיכְן קוּנְטְרֵס "עֲצָתוֹ אֱמוּנָה", עֶס אִיז מַמָּשׁ מְחַיֶּ' נְפָשׁוֹת, אִיךְ טְרֶעף דָארְט עֶנְטְפֶערְס אוֹיף פִילֶע פוּן מַיינֶע שְׁאֵלוֹת אִין לֶעבְּן.

וֶוען מִיר עֶסְן שַׁבָּת בַּיי מַיינֶע עֶלְטֶערְן טוּ אִיךְ זִיךְ אָן גֶעהֶערִיג, אָבֶער אִיךְ טוּ זִיךְ נִישְׁט אָן דִי שֵׁייטְל, ווייל מַיין טַאטֶע אִיז נִישְׁט מַסְכִּים אַז עֶס זָאל אַרַיינְקוּמֶען אַ שֵׁייטְל בַּיי אִים אִין שְׁטוּבּ; זַייט מֶען הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ מַאכְן דָא אַ גְרוֹיסֶע טוּמְל קֶעגְן שֵׁייטְלֶעךְ אִיז עֶר זֵייעֶר שְׁטַארְק קֶעגְן דֶעם, און דֶעריבֶּער גֵיי אִיךְ נִישְׁט אַהִין מִיטְ'ן שֵׁייטְל.

אָבֶער אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען לֶעצְטְנְס אַ בְּרִיוו [דֶער בְּרִיוו אִיז בַּייגֶעלֵייגְט צוּם סוֹף פוּן דֶעם בְּרִיוו] וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעשְׁרִיבְּן פַאר אַ פְרוֹי אַז וֶוען מֶען גֵייט אַרוֹיס זָאל מֶען זִיךְ אָנְטוּן נָארְמַאל ווי עֶס פַּאסְט, ווייל דֶער מַאן וויל זֶען זַיין ווַייבּ שֵׁיין אָנְגֶעטוּן. אִיז מַיין שְׁאֵלָה אוֹיבּ אִיךְ זָאל יָא אַהִינְגֵיין אָנְגֶעטוּן מִיטְ'ן שֵׁייטְל און עֶרְשְׁט דָארְט זִיךְ טוּישְׁן צוּ אַ סְנוּד?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת שְׁלַח, מְבָרְכִים הַחוֹדֶשׁ, כ״ה סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אַז אַייעֶר טַאטֶע ווִיל נִישְׁט אִיר זָאלְט קוּמֶען צוּ אִים אִין שְׁטוּבּ מִיט אַ שֵׁייטְל אִיז דָאךְ קְלָאר וָואס אִיר הָאט צוּ טוּן; מַאכְט אִים אַ נַחַת רוּחַ און גֵייט צוּ אִים אִין שְׁטוּבּ ווִי אַזוֹי עֶר ווִיל.

מֶען רֶעדְט בְּאוֹפֶן כְּלָלִי, וֶוען מֶען גֵייט אַרוֹיס פוּן שְׁטוּבּ אִיז גוּט צוּ גֵיין אָנְגֶעטוּן; וֶוען מֶען אִיז שֵׁיין אָנְגֶעטוּן וֶוערְט מֶען מְכוּבָּד אִין דֶעם מַאן׳ס אוֹיגְן.

וֶוען איר גֵייט צוּ אַייעֶרע עֶלְטֶערְן זָאלְט איר זֵיי מַאכְן אַ נַחַת רוּחַ; עֶס איז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן וִוי פְרֵיילִיךְ מַאכְן עֶלְטֶערְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

[דֶער בְּרִיוו צוּ וֶועלְכֶע דִי אוּיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע שְׁאֵלָה בַּאצִיט זִיךְ:

**גֵיין אָנְגֶעטוּן אַזוֹי וִוי עֶס פַּאסְט**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת נָשֹׂא, ט׳ סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳ בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר אִיר זָאלְט זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אֱמוּנָה; עֶס אִיז גוּט אִיר זָאלְט יֶעדְן טָאג אַרַיינְקוּקְן אִין דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים פוּן מוֹהֲרָא״ש, אֲשֶׁר בַּנַּחַל; לֶערְנְט יֶעדְן טָאג אַ בְּרִיוו - וֶועט אִיר בַּאקוּמֶען אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, אַזוֹי וֶועט אִיר הָאבְּן כֹּחַ צוּ טוּן דִי שְׁטוּבּ אַרְבֶּעט, אִיר וֶועט נִישְׁט זַיין אַזוֹי נָאכְגֶעלָאזְט מִיט דִי אַרְבֶּעט.

דָאס וָואס אִיר פְרֶעגְט אוֹיבּ עֶס אִיז אַ פְּרָאבְּלֶעם צוּ גֵיין וָואס מֶער מִיט אַ סְנוּד, אִיר ווִילְט זִיךְ נִישְׁט אָנְטוּן וְכוּ׳; אַ פְּרָאבְּלֶעם אִיז דָאס נִישְׁט, אָבֶּער וֶוען אִיר וָואלְט גֶעפְרֶעגְט וָואס אִיז רִיכְטִיג צוּ טוּן, אִיז דֶער עֶנְטְפֶער, עֶס אִיז רִיכְטִיג צוּ גֵיין אָנְגֶעטוּן.

עֶס אִיז דָא אַ וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען גֵייט אִין שְׁטוּבּ אוּן אַ וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען גֵייט צְווִישְׁן לַייט. אַז מֶען גֵייט אַרוֹיס אִיז רִיכְטִיג זִיךְ אָנְצוּטוּן סַיי פַּאר אַייעֶר מַאן אוּן סַיי פַּאר אַייךְ אַלֵיינְס; אַ מַאן ווִיל זֶען זַיין ווַייבּ אָנְגֶעטוּן שֵׁיין אוּן אַהֶערְגֶעשְׁטֶעלְט, אוּן פַּאר זִיךְ אַלֵיינְס אִיז אוֹיךְ גוּט צוּ גֵיין אָנְגֶעטוּן אַזוֹי וִוי עֶס פַּאסְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...]

## זָאל אִיךְ שְׁנַיידְן אַלֵיין דִי גְרָאז?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ מְלַמֵּד אִין תַּלְמוּד תּוֹרָה אִין בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי, אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט קוֹיפְן אַ שֵׁיינֶע מַתָּנָה פַאר מַיינֶע תַּלְמִידִים זֵיי עֶס צוּ גֶעבְּן אוֹיף סוֹף יָאר, אִיךְ הָאבּ זֵיי גֶעקוֹיפְט אַ קְלֵיינֶע סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אָבֶּער יֶעצְט זֶע אִיךְ אַז בַּיים סוֹף אִיז אַרַיינְגֶעדְרוּקְט אִיבֶּער דִי נַארִישְׁקֵייטְן פוּן נַ נַח, אִיז דָאס אַ פְּרָאבְּלֶעם צוּ גֶעבְּן פַאר דִי קִינְדֶער?

אִיךְ וִויל וִויסְן אוֹיבּ עֶס אִיז אַ פְּרָאבְּלֶעם צוּ שְׁנַיידְן אַלֵיין דִי גְרָאז? אַלְס בִּיטּוּל תּוֹרָה אוּן הֶעלְפְן דִי וַוייבּ?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת קֹרַח, כ"ז סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, מְלַמֵּד תַּלְמוּד תּוֹרָה הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

גֶעבּ אַכְטוּנְג וָואס פַאר אַ סְפָרִים דוּ גֶעבְּסְט פַאר דִי קִינְדֶער, גֶעבּ אַכְטוּנְג נִישְׁט צוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי מְשׁוּגַעַת פוּן נַ נַח; עֶס אִיז אַ דִמְיוֹן, אַ בַּאקַאנְטֶע מַעֲשֶׂה וָואס מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט דֶערְצֵיילְן וִוי אַזוֹי מֶען הָאט יֶענֶעם אָפְּגֶענַארְט וְכוּ', מֶען הָאט אַרַיינְגֶעשְׁטֶעלְט אַ צֶעטְל אִין דַיין סֵפֶר, 'פִּתְקָא מִן הַשָּׁמַיִם', אוּן פוּן דֶעם אִיז גֶעוָוארְן דִי צֶעדְרֵייטֶע זַאךְ.

אַ שָׁאד אַוֶועק צוּ גֶעבְּן דַיין טֵייעֶרֶע צַייט פַאר שְׁנַיידְן דִי גְרָאז; עֶנְדֶערְשׁ זָאלְסְטוּ גֵיין הֲפָצָה אִין דִי צַייט, וֶועסְטוּ סֵיי מְזַכֶּה זַיין אֶת הָרַבִּים, אוּן סֵיי דוּ וֶועסְט הָאבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## װען שֶׁערְט מֶען אָפּ אַ קִינְד װאָס װערְט דְרֵיי יָאר אִין בֵּין הַמְּצָרִים?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְּרֶעגְן, מַיין זוּן װעֶרְט דְרֵיי יָאר אִין דִי דְרֵיי װָאכְן, װען שֶׁערְט מֶען אִים אָפּ?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת קֹרַח, כ״ז סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיװ.

מֶען קֶען מַאכְן פֵּאוֹת, אָפְּשֶׁערְן אַ קִינְד - אִין דִי דְרֵיי װָאכְן. עֶס זֶענֶען דָא װָאס שְׁטוּפְּן דָאס אָפּ אוֹיף נָאךְ ט׳ בְּאָב, אָדֶער מַאכְן זֵיי פֵּאוֹת פַאר דִי דְרֵיי װָאכְן, אָבֶּער מֵעִקָּר הַדִין קֶען מֶען מַאכְן אִין דִי דְרֵיי װָאכְן; אִיךְ הָאבּ גֶעמַאכְט פֵּאוֹת פַאר מַיין זוּן הֶערְשְׁל נֵרוֹ יָאִיר אִין דִי דְרֵיי װָאכְן, כ״ג תַּמּוּז.

פַארְגֶעס נִישְׁט פוּנֶעם עִיקָּר, דַאנְק אוּן לוֹיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ שְׁטֵייסְט דָא, דוּ מַאכְט פֵּאוֹת פַאר דַיין זוּן, אוּן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַלֶע דַיינֶע קִינְדֶער, זֵיי זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן עֶרְלִיכֶע אִידְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## װִי אַזוֹי זֶעט מֶען זִיךְ אַרוֹיס פוּן א״ו ס״י ד״י (OCD) פְּרָאבְּלֶעמֶען?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי עֶנְטְפֶער אוֹיף מַיין שְׁאֵלָה װִי אַזוֹי גְרִינְגֶער אַיינְצוּשְׁלָאפְן [דֶער בְּרִיװ אִיז בַּייגֶעלֵייגְט צוּם סוֹף פוּן דֶעם בְּרִיװ], אִיךְ שְׁפִּיר טַאקֶע אַסַאךְ רוּאִיגֶער זַייט

אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען דִי תְּשׁוּבָה, אָבֶּער אִיךְ וִויל שְׁרַייבְּן אִיבֶּער נָאךְ אַ זַאךְ וָואס פַּיינִיגְט מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק.

יֶעדֶע נַאכְט אֵיידֶער אִיךְ גֵיי שְׁלָאפְן הָאבּ אִיךְ אַ גֶעפֶערְלִיכֶע אָנְגֶעצוֹיגְנְקֵייט, אִיךְ בִּין פַארְנוּמֶען אִיבֶּערְצוּקוּקְן דִי גַאנְצֶע הוֹיז אַז אַלֶעס אִיז אִין אָרְדֶענוּנְג, אִיבֶּערְקוּקְן דִי קִינְדֶער אַז זֵיי שְׁלָאפְן פַארְזִיכֶערְט, אִיבֶּערְקוּקְן דִי פֶענְסְטֶער צִי זֵיי זֶענֶען גוּט פַארְמַאכְט. סְפֶּעצִיעֶל בַּיי דִי גֶעז; דָארְט אִיז עֶס מַמָּשׁ גֶעפֶערְלִיךְ, אִיךְ קוּק אֵיינְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל אוֹיבּ עֶס אִיז נִישְׁט אָנְגֶעצִינְדְן, אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר אַסַאךְ לַחַץ אַז אִיךְ מוּז גֵיין שְׁלָאפְן פַאר מַיין וַוייבּ, ווַייל אַזוֹי שְׁפִּיר אִיךְ רוּאִיגֶער אַז זִי וֶועט עֶס אִיבֶּערְקוּקְן נָאכְאַמָאל אֵיידֶער זִי גֵייט שְׁלָאפְן. אוּן אוֹיבּ קוּם אִיךְ אַרוֹיס פוּן בֶּעט אִינְמִיטְן דִי נַאכְט, גֵיי אִיךְ נִישְׁט אַרַיין אִין קָאךְ, כְּדֵי אִיךְ זָאל עֶס נִישְׁט דַארְפְן אִיבֶּערְקוּקְן.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאגְט אֵייבִּיג אַז אוֹיבּ מֶען נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ אֱמוּנָה - גֵייעֶן אַוֶועק דִי אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, דָא שְׁפִּיר אִיךְ אָבֶּער אַז עֶס אִיז מֶער וִוי בְּלוֹיז אַ חִסָּרוֹן אֱמוּנָה, אִיךְ פִּיל וִוי אִיךְ לַייד אוֹיף דִי נֶערְוֶוען; אֶפְשָׁר הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַן עֵצָה פַאר מִיר?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת קֹרַח, כ״ח סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט שְׁלָאגְן מִיט דִי סָארְט שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת; וִוי מֶער מֶען שְׁלָאגְט זִיךְ מִיט דִי סָארְט מַחֲשָׁבוֹת - וֶוערְן זֵיי נָאר שְׁטֶערְקֶער.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן עב): "כִּי זֶה טֶבַע וּסְגֻלַּת שֶׁל אֵלּוּ הַיְצָרִין הָרָעִים הַמְזֹהָמִים", אַזוֹי אַרְבֶּעט דִי שְׁלֶעכְטֶע שְׁמוּצִיגֶע יֵצֶר הָרָע, "כָּל מַה שֶּׁרוֹצִים לְהִתְגַּבֵּר עַל אֵלּוּ הַמַּחֲשָׁבוֹת", וִוי מֶער מֶען וִויל זִיךְ שְׁטַארְקְן אוֹיף זֵיי, "יוֹתֵר וְיוֹתֵר הֵם מִתְגַּבְּרִים", שְׁטַארְקְן זֵיי זִיךְ שְׁטֶערְקֶער אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ, "כִּי הוּא כְּמוֹ שֶׁאָדָם בּוֹרֵחַ מִדָּבָר", דִי מַחֲשָׁבוֹת זֶענֶען אַזוֹי וִוי וֶוען מֶען לוֹיפְט אַוֶועק פוּן אֵיינֶעם, "וּמִסְתַּכֵּל מִן הַצַּד כִּלְאַחַר יָד עַל זֶה הַדָּבָר שֶׁבָּרַח מִמֶּנּוּ", אוּן מֶען קוּקְט צוּרִיק אוֹיף יֶענֶע זַאךְ פוּן וָואס מֶען לוֹיפְט

אַוֶועק, "וַאֲזַי הַדָּבָר הַזֶּה מִתְגַּבֵּר עָלָיו בְּיוֹתֵר", דֶעמָאלְט וֶוערְט יֶענֶע זַאךְ שְׁטֶערְקֶער, "כִּי לֹא הִסִּיחַ דַּעְתּוֹ מִזֶּה", וַוייל וֶוען יֶענֶער זֶעט וִוי מֶען קוּקְט צוּרִיק - זֶעט עֶר אַז מֶען הָאט אִים נִישְׁט אָפְּגֶעלָאזְט, דָאס מַאכְט אִים עֶר זָאל וַוייטֶער נָאכְלוֹיפְן, "רַק אַדְּרַבָּא, שֶׁמִּסְתַּכֵּל בְּכָל פַּעַם לְאַחֲרָיו עַל זֹאת הַמַּחֲשָׁבָה", אַדְּרַבָּה, זֵיי ווערְן נָאר שְׁטֶערְקֶער וֶוען זֵיי זֶעעֶן וִוי מֶען קוּקְט צוּרִיק אוֹיף זֵיי; אַזוֹי אַרְבֶּעט דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת, וִוי מֶער מֶען וִויל זִיךְ שְׁטַארְקְן אוֹיף זֵיי - וֶוערְן זֵיי שְׁטֶערְקֶער.

דִי אַלֶע וָואס לַיידְן נֶעבֶּעךְ פוּן דִי יֵצֶר הָרָע וָואס רוּפְט זִיךְ א"ו ס"י ד"י - אוֹיף זֵיי אִיז אַ גְרוֹיס רַחְמָנוּת, קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וִוי שְׁוֶוער עֶס אִיז זֵיי, אוֹיךְ אוֹיף דִי וָואס לֶעבְּן מִיט אַזַא אֵיינֶעם - אִיז בִּיטֶער שְׁוֶוער. דָאס הֵייסְט אַ פְרוֹי וָואס אִיז חַתוּנָה גֶעהַאט צוּ אַ מַאן וָואס פַּיינִיגְט זִיךְ מִיט דִי מַחֲשָׁבוֹת, אָדֶער פַארְקֶערְט, אַ מַאן וָואס זַיין וַוייבּ פַּיינִיגְט זִיךְ מִיט דֶעם יֵצֶר הָרָע - זֵיי אִיז בִּיטֶער שְׁוֶוער דָאס לֶעבְּן, וַוייל דִי מַחֲשָׁבוֹת זֶענֶען שְׁטֶערְקֶער פוּן יֶעדְן אֵיינֶעם, אוּן וִויבַּאלְד מֶען וֵוייסְט נִישְׁט דִי זַאךְ וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט, אַז מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן מִיט דִי מַחֲשָׁבוֹת, וַוייל עֶס ווערְט נָאר עֶרְגֶער - פַּאסִירְט דָאס אַז מֶען פַּיינִיגְט זִיךְ אוּן מֶען לַיידְט שְׁרֶעקְלִיכֶע יְסוּרִים, וַוייל מֶען שְׁטוּפְּט זֵיי אַוֶועק אוּן זֵיי קוּמֶען צוּרִיק, אוּן מֶען שְׁטוּפְּט זֵיי נָאכְאַמָאל אַוֶועק אוּן זֵיי קוּמֶען ווִידֶער צוּרִיק, אוּן וֶוען זֵיי קוּמֶען צוּרִיק אִיז דָאס אַסַאךְ שְׁטֶערְקֶער וִוי פְרִיעֶר - הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

דִי עֵצָה פַאר דֶעם יֵצֶר הָרָע אִיז 'זִיךְ נִישְׁט ווִיסְנְדִיג מַאכְן, נִישְׁט זוּכְן צוּ עֶנְטְפֶערְן דִי מַחֲשָׁבוֹת'. דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דִיר מַיין לִיבֶּער בְּרוּדֶער, וֶוען עֶס קוּמְט דִיר אַרַיין אַזַא נֶעגֶעטִיוֶוע מַחֲשָׁבָה - לָאז עֶס לוֹיפְן, גֵיי נִישְׁט קוּקְן אוֹיבּ אַלֶעס אִיז גוּט, נָאר לָאז עֶס לוֹיפְן, טְרַאכְט 'עֶס גֵייט מִיר נִישְׁט אָן'; וַוייל וִוי מֶער מֶען עֶנְטְפֶערְט דִי מַחֲשָׁבָה - קוּמֶען זֵיי צוּרִיק שְׁטֶערְקֶער.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ אַרְבֶּעטְן אוֹיף שִׂמְחָה; זַיי פְרֵיילִיךְ, הֶער לֶעבֶּעדִיגֶע נִיגוּנִים, פְרֵיילִיכֶע נִיגוּנִים, טַאנְץ אוּן זִינְג, טוּ אַלֶעס וָואס מַאכְט פְרֵיילִיךְ. דֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט: "גַּם עַצְבוּת הוּא מַזִּיק מְאֹד, וְנוֹתֵן כֹּחַ לְזֶה הַיֵּצֶר הָרָע הֶעָב הַגַּשְׁמִי", זַיין דֶערְבִּיטֶערְט אוּן דֶעפְּרֶעסְט אִיז זֵייעֶר מְסוּכָּן פַאר דִי זַאךְ,

עֶס מַאכְט שְׁטֶערְקֶער דִי מַחֲשָׁבוֹת; אוּן פַאֲרְקֶערְט, שִׂמְחָה, פְרֵיילִיכְקֵייט - נֶעמְט אַוֶועק דִי אַלֶע מַחֲשָׁבוֹת, עֶס צֶעבְּרֶעכְט דֶעם יֵצֶר הָרָע.

עֶס אִיז כְּדַאי זָאלְסְט אַסַאךְ לֶערְנֶען דִי תּוֹרָה (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן עב) אוּן זָאגְן דִי תְּפִלָּה דֶערוֹיף פוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן - וֶועסְטוּ אוֹיסְגֶעהֵיילְט וֶוערְן פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת.

וְעַל כּוּלָם זָאלְסְטוּ זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין; רֶעד זִיךְ אוֹיס דַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעט אִים עֶר זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר, זָאלְסְט הָאבְּן אַ רֵיינֶע מֹחַ אוּן אַ רֵיינֶע הַארְץ וָואס טְרַאכְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

הִתְבּוֹדְדוּת אִיז דִי רְפוּאָה פַאר א"ו ס"י ד"י. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם): "יֵלֵךְ אֵצֶל חֲכַם הָאֱמֶת", מֶען זָאל גֵיין צוּ אַ צַדִיק, "וְיוֹרֶה לוֹ דַּרְכֵי הַתְּשׁוּבָה", דֶער צַדִיק וֶועט אִים לֶערְנֶען וִוי אַזוֹי אַרוֹיסְצוּקְרִיכְן פוּן דֶעם, "דַּרְכֵי הַחָכְמָה, עֵצוֹת נְכוֹנוֹת, עַל כָּל דָּבָר", עֶר וֶועט אִים לֶערְנֶען גוּטֶע עֵצוֹת אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ, "אָז יִכָּנַע לְבָבוֹ הֶעָרֵל, וְשָׁב וְרָפָא לוֹ", אַזוֹי וֶועט עֶר וֶוערְן אוֹיסְגֶעהֵיילְט; דֶער רֶבִּי אִיז דֶער חָכָם הָאֱמֶת וָואס עֶר לֶערְנְט אוּנְז דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, דִי עֵצָה פוּן זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים בֶּעטְן אוֹיף גוּטֶע מַחֲשָׁבוֹת, אוֹיף אֱמוּנָה; הִתְבּוֹדְדוּת רֵיינִיגְט אוֹיס פוּן דִי יֵצֶר הָרָע.

ווארויל אִיז דֶעם וָואס נוּצְט דִי עֵצוֹת פוּנֶעם חָכָם הָאֱמֶת, אָז יִכָּנַע לְבָבוֹ הֶעָרֵל, וְשָׁב וְרָפָא לוֹ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

[דֶער בְּרִיוו צוּ וֶועלְכֶע דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע שְׁאֵלָה בַּאצִיט זִיךְ:

**אִיז דָא אַן עֵצָה גְרִינְגֶער אַיינְצוּשְׁלָאפְן?**

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ מוּטְשֶׁע זִיךְ לֶעצְטְנְס גֶעפֶערְלִיךְ מִיטְ'ן שְׁלָאפְן, עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער אַיינְצוּשְׁלָאפְן, אוּן אִיךְ שְׁלָאף נִישְׁט קַיין גֶעכְט. אַסַאךְ מָאל הָאבּ אִיךְ אַזַא לַחַץ אַז אִיךְ מוּז מָארְגְן אוֹיפְשְׁטֵיין פְרִי, אַז דָאס אַלֵיין מַאכְט אַז אִיךְ זָאל נִישְׁט קֶענֶען אַיינְשְׁלָאפְן.

אֶפְשָׁר הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַן עֵצָה פַאר מִיר?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת נָשֹׂא, ט׳ סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

נֶעם אַרַיין אִין דִיר אֱמוּנָה - וֶועסְטוּ אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע דַיינֶע צָרוֹת. וֶוען מֶען נֶעמְט אַרַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין זִיךְ, מֶען לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה, מֶען וֵוייסְט אוּן מֶען גֶעדֶענְקְט אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, נִישְׁטָא גָארְנִישְׁט אוֹיסֶער אִים, אַלֶעס וָואס פַּאסִירְט אִיז עֶר - דֶעמָאלְט וֶוערְט לִיכְטִיג, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (יְחֶזְקֵאל מג, ב): ״וְהָאָרֶץ הֵאִירָה מִכְּבֹדוֹ״, אַלֶע טוּנְקְלְקֵייטְן גֵייעֶן אַוֶועק.

עֶס אִיז דָא אַ סְגוּלָה פוּן רֶבִּי׳ן צוּ קֶענֶען אַיינְשְׁלָאפְן, מֶען זָאל טְרַאכְטְן פוּן תְּחִיַּית הַמֵּתִים. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת אֱמוּנָה חֵלֶק ב׳, סִימָן יז): ״מִי שֶׁאֵינוֹ יָכוֹל לִישֹׁן, יַעֲלֶה עַל מַחֲשַׁבְתּוֹ אֱמוּנַת תְּחִיַּת הַמֵּתִים״, וֶוער עֶס קֶען נִישְׁט אַיינְשְׁלָאפְן, זָאל טְרַאכְטְן פוּן תְּחִיַּית הַמֵּתִים; אָבֶּער עֶס הֶערְט זִיךְ פוּן דַיין פְּרַאגֶע אַז דוּ אַלֵיינְס מַאכְסְט זִיךְ דֶעם פְּרָאבְּלֶעם, דוּ צְוִוינְגְסְט זִיךְ צוּ שְׁלָאפְן, דָאס הַאלְט אָפּ דֶעם שְׁלָאפְן, וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן תלא): ״מִי שֶׁרוֹצֶה לִישֹׁן וְאֵינוֹ יָכוֹל לִישֹׁן״, וֶוער עֶס ווִיל שְׁלָאפְן אוּן קֶען נִישְׁט אַיינְשְׁלָאפְן, ״הָעֵצָה לָזֶה לְבַל לְהַכְרִיחַ עַצְמוֹ כָּל כָּךְ לִישֹׁן״ - זָאל זִיךְ נִישְׁט צְוִוינְגֶען אַיינְצוּשְׁלָאפְן, ״כִּי כָּל מַה שֶׁמַּכְרִיחַ עַצְמוֹ יוֹתֵר לִישֹׁן, מִתְגַּבֵּר עָלָיו בְּיוֹתֵר מְנִיעוֹת הַשֵּׁנָה״, וַוייל וִוי מֶער מֶען צְוִוינְגְט זִיךְ אַיינְצוּשְׁלָאפְן - אַלְץ שְׁוֶוערֶער וֶועט זַיין דָאס אַיינְשְׁלָאפְן. ״וְעִנְיָן זֶה גַּם בְּכָל הַדְּבָרִים שֶׁבָּעוֹלָם לִבְלִי לְהַכְרִיחַ עַצְמוֹ בְּיוֹתֵר״, אַזוֹי גֵייט עֶס מִיט יֶעדֶע זַאךְ, מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט צֶעקְוֶועטְשְׁן פוּן גָארְנִישְׁט, ״כִּי כָּל מַה שֶׁמַּכְרִיחִין עַצְמוֹ בְּיוֹתֵר לְאֵיזֶה דָּבָר, מִתְגַּבֵּר עָלָיו בְּיוֹתֵר הַהֵפֶךְ דַּיְקָא״, וַוייל וִוי מֶער מֶען קְוֶועטְשְׁט זִיךְ עֶס זָאל זַיין אַזוֹי אוּן אַזוֹי - וֶוערְט נָאר פַארְקֶערְט, עַיֵּין שָׁם.

דוּ קֶענְסְט נִישְׁט שְׁלָאפְן פוּן לַחַץ, דוּ טְרַאכְסְט אַ גַאנְצְן צַייט: ׳וֶוען גֵיי

אִיךְ שׁוֹין אַיינְשְׁלָאפְן?׳ דוּ פַּיינִיגְסְט זִיךְ: ׳פַּארְוָואס שְׁלָאף אִיךְ נָאכְאַלְץ נִישְׁט?!׳ ׳אוֹיב אִיךְ וֶועל נִישְׁט שְׁלָאפְן - וֶועל אִיךְ נִישְׁט קֶענֶען אָנְגֵיין וְכוּ׳ וְכוּ׳׳; דוּ פַּיינִיגְסְט זִיךְ, דוּ שְׁלָאגְסְט זִיךְ מִיט מַחֲשָׁבוֹת, דָאס לָאזְט דִיר נִישְׁט אָנְגֵיין מִיטְ׳ן לֶעבְּן.

פָּאלְג דֶעם רֶבִּי׳ן, הֶער אוֹיף זִיךְ דְרוּקְן; אַז דוּ קֶענְסְט נִישְׁט שְׁלָאפְן - זָאלְסְטוּ לִיגְן אִין בֶּעט מִיט פַארְמַאכְטֶע אוֹיגְן. מֶען דַארְף נִישְׁט שְׁלָאפְן, עֶס וֶועט גָארְנִישְׁט פַּאסִירְן אַז דוּ וֶועסְט נִישְׁט שְׁלָאפְן; לִיגְן אִין בֶּעט - רוּט אוֹיךְ אוֹיס. דֶער רֶבִּי זָאגְט, לִיגְן אִין בֶּעט מִיט פַארְמַאכְטֶע אוֹיגְן אִיז אַזוֹי וִוי שְׁלָאפְן, עֶס גֶעבְּט כֹּחַ, מֶען וֶוערְט אוֹיסְגֶערוּט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים].

...

## וִוי אַזוֹי שְׁטַארְק אִיךְ זִיךְ אִיבֶּערְצוּבֶּעטְן וֶועמֶען אִיךְ הָאבּ גֶעטְשֶׁעפֶּעט?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַלְס בָּחוּר הָאבּ אִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעטְשֶׁעפֶּעט אוּן וֵויי גֶעטוּן עֶטְלִיכֶע פוּן מַיינֶע חֲבֵרִים אוּן אוֹיךְ דֶעם רַב פוּן מַיין קְהִלָּה, צוּלִיבּ אַן אִינֶערְלִיכֶע סִכְסוּךְ אִין דִי קְהִלָּה. הַיינְט פַארְשְׁטֵיי אִיךְ אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גוּט גֶעטוּן, אִיךְ וָואלְט זִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט גֶעדַארְפְט אַרַיינְמִישְׁן אִין דִי מַחֲלֹקֶת אוּן אִיךְ הָאבּ שְׁטַארְק חֲרָטָה דֶערוֹיף. אָבֶּער ווִיפִיל אִיךְ פְּרוּבִיר קֶען אִיךְ נִישְׁט פּוֹעֵל׳ן בַּיי מִיר זֵיי צוּ גֵיין אִיבֶּערְבֶּעטְן, אִיךְ פִיל וִוי דִי עֶרְד גֵייט מִיךְ אַיינְשְׁלִינְגֶען אוֹיבּ אִיךְ וֶועל זֵיי אִיבֶּערְבֶּעטְן, אִיז דָא עֶפֶּעס אַ גְרִינְגֶע עֵצָה אוֹיף דֶעם?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת קֹרַח, כ״ח סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

גֵיי בֶּעט אִיבֶּער דִי אַלֶע וָועם דוּ הָאסְט גֶע׳רוֹדְפְ׳ט; עֶנְדֶערְשׁ זָאלְסְטוּ פַארְשֶׁעמְט וֶוערְן דָא וִוי אֵיידֶער אוֹיבְן אִין הִימְל.

וֵויי אוּן בִּיטֶער פַאר וֶוער עֶס נֶעמְט אַ חֵלֶק אִין רוֹדְפְ׳ן אַנְדֶערֶע אִידְן; בַּיי מַחֲלֹקֶת לַיידְן אַלֶע. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בַּמִּדְבָּר רַבָּה יח, ד): מַחֲלֹקֶת אִיז אַזוֹי שְׁרֶעקְלִיךְ, אֲפִילוּ קְלֵיינֶע קִינְדֶער וֶוערְן אַוֶועקְגֶענוּמֶען פוּן דִי וֶועלְט אַלְס אַ שְׁטְרָאף אוֹיף מַחֲלֹקֶת, וְהָא רְאָיָ׳, בֵּית דִין שֶׁל מַטָּה גֶעבְּט נִישְׁט קַיין עוֹנֶשׁ פַאר אַ קָטָן אוּנְטֶער דִי דְרַייצְן יָאר, אוֹיךְ בַּיי בֵּית דִין שֶׁל מַעֲלָה אִיז נִישְׁטָא קַיין עוֹנֶשׁ נָאר פוּן צְוָואנְצִיג יָאר אוּן הֶעכֶער, אוּן בַּיי קֹרַח זֶענֶען אַלֶע גֶעשְׁטְרָאפְט גֶעוָוארְן, אֲפִילוּ דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער פוּן אֵיין טָאג אַלְט!

וַוארְט נִישְׁט קַיין מִינוּט, גֵיי שׁוֹין בֶּעט אִיבֶּער וֶועם דוּ הָאסְט וֵויי גֶעטוּן; עֶנְדֶערְשׁ וֶוערְן פַארְשֶׁעמְט דָא וִוי אֵיידֶער דַארְפְן אַרִיבֶּערְגֵיין דִי עוֹנְשִׁים קָשִׁים וּמָרִים וָואס מֶען בַּאקוּמְט אוֹיף מַחֲלֹקֶת.

פוּן הַיינְט אוּן וַוייטֶער, אַז מֶען וִויל דִיר אַרַיינְדְרֵייעֶן אִין אַ מַחֲלֹקֶת, זָאל זַיין וָואס זָאל זַיין, אֲפִילוּ לְשֵׁם שָׁמַיִם - זָאלְסְטוּ אַנְטְלוֹיפְן אַזוֹי וִוי מֶען אַנְטְלוֹיפְט פַארְ׳ן לֶעבְּן. מַאךְ זִיךְ דֶעם חֶשְׁבּוֹן וָואס דִי וַוייבּ פוּן אוֹן בֶּן פֶּלֶת הָאט גֶעמַאכְט, אוֹן בֶּן פֶּלֶת אִיז אַהֵיים גֶעקוּמֶען אָנְגֶעהֶעצְט פוּן קֹרַח אוּן פוּן אַלֶע צְוֵויי הוּנְדֶערְט אוּן פוּפְצִיג רַבָּנִים, עֶר הָאט גֶעשְׁרִיגְן אִין שְׁטוּבּ: "מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז נִישְׁט גֶערֶעכְט!" עֶר הָאט גֶעהַאקְט אוֹיפְ׳ן טִישׁ: "קוֹרַח אִיז דֶער עֶכְטֶער מַנְהִיג!" עֶר אִיז גֶעוֶוען פוּן דִי אָנְפִירֶער. דֶערְצֵיילְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (שָׁם, כ) זַיין וַוייבּ הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט, זָאג מִיר: "מַה לָּךְ בַּהֲדֵי פְּלוּגְתֵּיהּ", וָואס הָאסְטוּ פוּן דִי מַחֲלֹקֶת? וָואס אִיז דִיר אַ חִילוּק וֶוער עֶס אִיז גֶערֶעכְט? "אִי אַהֲרֹן כַּהֲנָא רַבָּא, אַתְּ תַּלְמִידָא", אוֹיבּ מֹשֶׁה אִיז גֶערֶעכְט - אִיז אַהֲרֹן דֶער כֹּהֵן אוּן דוּ בִּיסְט דֶער תַּלְמִיד, "אִי קֹרַח כַּהֲנָא רַבָּה, אַתְּ תַּלְמִידָא", אוּן אוֹיבּ קוֹרַח אִיז גֶערֶעכְט - אִיז קוֹרַח דֶער כֹּהֵן אוּן דוּ בִּיסְט וַוייטֶער דֶער תַּלְמִיד! אַזוֹי הָאט זִי אִים גֶערַאטֶעוֶועט.

דוּ זָאלְסְט אַלְץ אַנְטְלוֹיפְן פוּן מַחֲלֹקֶת.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**אוֹיסְצֵייכֶענוּנְג פַאר דֶרֶךְ אֶרֶץ**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י״ז סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**דָאס אִיז אַ קְלֵיינֶע אוֹיסְצֵייכֶענוּנְג פַאר דִי חָשׁוּבְ׳עֶ בֵּית פֵיגָא תַּלְמִידָה**

...

פַארְ׳ן זִיךְ אוֹיפְפִירְן מִיט גְרוֹיס דֶרֶךְ אֶרֶץ.

אִיךְ בִּין זֵייעֶר דַאנְקְבַּאר פַאר אַייךְ אוּן אוֹיךְ פַאר אַלֶע תַּלְמִידוֹת וָואס שְׁטֶעלְן זִיךְ צוּ, וָואס זֶענֶען אֵיידֶל אוּן דֶרֶךְ אֶרֶץ׳דִיג.

אִיר זָאלְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע אַייעֶרֶע וֶועגְן.

...

**אַיינְפְלַאנְצְן אִין דִי קִינְדֶער דִי דְרֵיי חֲלָקִים פוּן אֱמוּנָה**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י״ח סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

... תְּחִיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

עֶנְדֶערְשׁ זָאלְט אִיר זִיךְ אַיינְגֶעבְּן בַּיי אַנְדֶערֶע סְקוּלְס צוּ זַיין אַ לֶערֶערִין, מִיר הָאבְּן גֶענוּג לֶערֶערִינְס אִין בֵּית פֵיגָא; עֶנְדֶערְשׁ זָאלְט אִיר זַיין אַ לֶערֶערִין אִין אַ צְוֵוייטֶע מוֹסָד אוּן דָארְט אַיינְפְלַאנְצְן אֱמוּנָה אִין אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

אֱמוּנָה אִיז דֶער עִיקָר וָואס מֶען דַארְף אַרַיינְלֵייגְן אִין קִינְדֶער, אֱמוּנָה וֶוערְט צֶעטֵיילְט אִין דְרֵיי חֲלָקִים:

די עֶרְשְׁטֶע און וִויכְטִיגְסְטֶע – אִיז צוּ לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער אַז אַלֶעס אִיז פוּנֶעם בַּאשֶׁעפֶער, דִי וֶועלְט הָאט אַ בַּעַל הַבַּיִת, אֵיינֶער פִירְט אַלֶעס; דֶער בַּאשֶׁעפֶער מַאכְט אַלֶעס און טוּט אַלֶעס, קַיין שׁוּם זַאךְ גֶעשֶׁעט נִישְׁט און פַּאסִירְט נִישְׁט - נָאר דוּרךְ אִים.

אַז עֶס קוּמְט קָארָאנֶע - אִיז דָאס פוּנֶעם בַּאשֶׁעפֶער, אַז דִי פְּרַייזְן הֵייבְּן זִיךְ - אִיז דָאס פוּנֶעם בַּאשֶׁעפֶער, אַז עֶס קוּמֶען הֵייסֶע טֶעג - אִיז דָאס פוּנֶעם בַּאשֶׁעפֶער, אַז עֶס קוּמֶען שְׁטוּרֶעם ווִינְטְן, צוּנַאמִיס, מִלְחָמוֹת - אַלֶעס אַלֶעס אִיז פוּן בַּאשֶׁעפֶער.

דִי צְוֵוייטֶע חֵלֶק, רֶעדְט צוּ דִי קִינְדֶער פוּן צַדִיקִים; דֶערְצֵיילְט זֵיי מַעֲשִׂיוֹת פוּן הֵיילִיגֶע צַדִיקִים, פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ פוּן לִיזֶענְסְק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי זוּשָׁא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ און פוּן אַלֶע צַדִיקִים.

דִי דְרִיטֶע חֵלֶק אִיז אֱמוּנָה אִין זִיךְ; הֵייבְּט אוֹיף דִי קִינְדֶער, בּוֹיט זֵיי אוֹיף, נֶעמְט דִי מֵיידְלֶעךְ וָואס זֶענֶען בַּיי זִיךְ צֶעקְלַאפְּט און בּוֹיט זֵיי אוֹיף. וֶוען קִינְדֶער זָאגְן: "אִיךְ קֶען נִישְׁט", זָאלְט אִיר זֵיי זָאגְן: "קוּק, דוּ קֶענְסְט יָא; לָאמִיר פְּרוּבִּירְן"; דָאס אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג פַאר קִינְדֶער, זֵיי זָאלְן הָאבְּן אַ לֶערֶערִין וָואס בּוֹיט זֵיי אוֹיף.

אִיךְ הָאף אִיר וֶועט אָנְנֶעמֶען מַיינֶע וֶוערְטֶער, זִיךְ נִישְׁט עַקְשְׁנְ'עֶן דַוְקָא צוּ קוּמֶען לֶערְנֶען פַאר קִינְדֶער אִין בֵּית פֵייגָא. מִיר הָאבְּן גוּטֶע לֶערֶערִינְס וָואס לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער אֱמוּנָה, עֶנְדֶערְשׁ גֵייט אִין אַ צְוֵוייטֶע מוֹסָד - דָארְטְן פְּלַאנְצְן אֱמוּנָה, אוֹיךְ וֶועט אִיר זִיךְ נִישְׁט דַארְפְן קְרִיגְן מִיט אַייעֶרֶע טַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן.

אוֹיף דִי צְוֵוייטֶע פְרַאגֶע וְכוּ'; פְרֶעגְט אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן, אִיר הָאט זֵייעֶר חָשׁוּבְ'עֶ עֶלְטֶערְן, זֵיי פִירְן זִיךְ מִיט דִי הֶעכְסְטֶע סְטַאנְדַארְט צְנִיעוּת. אוֹיב אַייעֶר מַאמֶע זָאגְט אִיר קֶענְט גֵיין מִיט וְכוּ', זָאלְט אִיר זִי אוֹיסְהֶערְן.

...

## פַאַרְשְׁפְּרֵייטְן אֱמוּנָה, טְרָאץ וָואס מֶען וֶוערְט בַּאשְׁמוּצְט און פַאַרְשֶׁעמְט

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת שְׁלַח, כ׳ סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן**
**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

יֶעדְן טָאג קוּמֶען קִינְדֶער קְלִינְגֶען דֶעם בֶּעלְל בַּיי מִיר אִין שְׁטוּבּ, וֶוען מַיין וַוייבּ פְרֶעגְט: ״וֶוער אִיז דָארְט?״ שְׁרֵייעֶן זֵיי: ״בְּרֶסְלֶב פּוּי!״ דִי לֶעצְטֶע פָּאר חֳדָשִׁים אִיז גֶעוָוארְן מֶער דָאס נָאכְשְׁרֵייעֶן, אוֹיךְ מַיינֶע קִינְדֶער שְׁרֵייט מֶען נָאךְ.

בַּיי מִיר אִיז מַמָּשׁ וָואס צַדִּיקִים הָאבְּן גֶעזָאגְט, אֵיין טָאג וָואס דִי נֵייעֶס גֵייט נִישְׁט אַרוֹיס קֶעגְן זֵיי - טוּעֶן זֵיי תְּשׁוּבָה. הַיינְט הָאט מֶען מִיר בַּאשְׁמוּצְט מִיט אַ פְרִישֶׁע מַעֲשֶׂה, אַז דֶער בָּחוּר וָואס פֶעלְט שׁוֹין פַאר אַפָּאר חֳדָשִׁים אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל - הָאט מִיט מִיר, אֵיינֶער זָאגְט מִיר אַז דֶער אִינְגֶערְמַאן וָואס הָאט מִיךְ גֶעוָואלְט שְׁלָאגְן לַ״ג בָּעֹמֶר אִין מִירוֹן - עֶר שְׁטֵייט אוּנְטֶער דֶעם.

בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ וֵוייס וֶוער עֶס שְׁטֵייט אוּנְטֶער זֵיי אַלֶע, אַלֶעס אִיז לְמַעַן הַבְּחִירָה וְהַנִּסָּיוֹן; אַזוֹי הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן ש) ״פַּעַם אַחַת אָמַר לִי: כָּל מַה שֶּׁאַתָּה רוֹאֶה בָּעוֹלָם, כָּל מַה שֶּׁנִּמְצָא בָּעוֹלָם, הַכֹּל בִּשְׁבִיל הַבְּחִירָה וְהַנִּסָּיוֹן״, אַלֶעס וָואס דוּ זֶעסְט, אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר - אִיז לְמַעַן הַבְּחִירָה וְהַנִּסָּיוֹן.

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר דָאס, אִיךְ ווִיל דִיר מְחַזֵּק זַיין דוּ זָאלְסְט וַוייטֶער גֵיין הַפָּצָה; הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער, נֶעם זֵיי אַרוֹיס פוּן זֵייעֶרֶע עֲווֹנוֹת. דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע רַחְמָנוּת, צוּ זֶען ווִי מֶענְטְשְׁן פַאלְן אִין עֲבֵירוֹת; דֶער רֶבִּי הָאט אַ כֹּחַ זֵיי אַרוֹיס צוּ נֶעמֶען פוּן וואוּ זֵיי זֶענֶען, און זֵיי בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

...

**קָאנְטְרִי "אִילָן הַחַיִּים" אַ גוּטֶע סְבִיבָה פַּאר דִי זוּמֶער**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת שְׁלַח, כ"א סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ קוּק אַרוֹיס אוֹיפְ'ן קוּמֶענְדִיגְן זוּמֶער אַז דוּ גֵייסְט זַיין אִין אוּנְזֶער קָאנְטְרִי "אִילָן הַחַיִּים" דְחַסִידֵי בְּרֶסְלֶב.

מִיר הָאבְּן אַ נָאמֶען גֶעגֶעבְּן אוּנְזֶער קָאנְטְרִי "אִילָן הַחַיִּים", אוֹיפְ'ן סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ אִילָן הַחַיִּים וָואס מוֹהֲרָא"ש הָאט מְחַבֵּר גֶעוֶוען. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן עֶס זָאל זַיין שְׁמָא קָא גָּרִים; דִי פְּלַאץ, דִי בֵּיימֶער - זָאלְן אַרַיינְבְּלָאזְן אַ חַיִּים, אַ לֶעבְּן - אִין אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אַלֶע שְׁמוּעֶסְן אוּן פַארְבְּרֶענְגֶען אוּנְטֶער דִי בֵּיימֶער - זָאלְן זַיין פוּן רֶבִּי'ן, פוּן רֶבִּי נָתָן, רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער אוּן רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן זְכוּתָם יָגֵן עָלֵינוּ. מוֹהֲרָא"ש הָאט אַ נָאמֶען גֶעגֶעבְּן דֶעם סֵפֶר לוֹיט דִי הִשְׁתַּלְשְׁלוּת פוּן דִי צַדִּיקִים וָואס הָאבְּן אוּנְז אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן דֶעם רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער: מוֹהַרְנַ"ת, רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער, זַיין זוּן רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן אוּן רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה.

דִי קָאנְטְרִי הָאבּ אִיךְ גֶעקוֹיפְט מִיט גְרוֹיס מִי אוּן פְּלָאג, אִיךְ הָאבּ גֶעבָּארְגְט קָרוֹב צוּ צְוֵויי מִילְיָאן דָאלֶער. אִיךְ הָאבּ דָאס גֶעטוּן נָאר כְּדֵי עֶס זָאל זַיין אַ פְּלַאץ פַּאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ צוּ קֶענֶען זַיין אִינְאֵיינֶעם, מְחַנֵּךְ זַיין דִי קִינְדֶער בִּקְדוּשָּׁה וּבְטָהֳרָה, נִישְׁט פַאלְן אִין יִרְאַת שָׁמַיִם, נָאר צוּ בַּאקוּמֶען יִרְאַת שָׁמַיִם.

אַזוֹי גֵייט עֶס, וואוּ אַ מֶענְטְשׁ דְרֵייט זִיךְ, מִיט וֶועמֶען מֶען זִיצְט - אַזוֹי וֶוערְט מֶען; אַז מֶען גֵייט אִין אַ קָאנְטְרִי וואוּ מֶען שִׁיכּוֹרְ'ט - וֶועט מֶען אוֹיךְ אַ שִׁיכּוֹר, אַז מֶען גֵייט אִין אַ פְּלַאץ וואוּ מֶען טְרוּנְקְט פוּנֶעם יַיִן הַמְּשֻׁמָּר (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רס) - וֶועט זִיךְ אוֹיךְ עֶפֶּעס אָנְקְלֶעבְּן.

...

**פַארְדִינְט פוֹינְטְס, אוּן פַארְלוֹירְן אִיבֶּער הוּנְדֶערְט טוֹיזְנְט דָאלֶער**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת שְׁלַח, כ״ג סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ קֶען נָאכְנִישְׁט קוּמֶען צוּ זִיךְ פוּן וָואס דוּ הָאסְט מִיר דֶערְצֵיילְט, וְוי דוּ הָאסְט זִיךְ אַזוֹי בַּאנַארִישְׁט; הָאסְט גֶעגֶעבְּן דַיין קְרֶעדִיט קַארְד פַאר דַיין בַּעַל הַבַּיִת, עֶר זָאל אַיינְקוֹיפְן זַיינֶע סְחוֹרָה אוּן בַּאצָאלְן סוֹף חוֹדֶשׁ - פַאר נַארִישֶׁע פוֹינְטְס, אוּן יֶעצְט הָאט עֶר דִיר אַזוֹי אָנְגֶעזֶעצְט, דוּ זִיצְט מִיט קָרוֹב צוּ הוּנְדֶערְט טוֹיזְנְט דָאלֶער אִינְדְרוֹיסְן, אוּן עֶר זָאגְט דִיר: ״אֵין לִי לְשַׁלֵּם!״

וְוי קֶען זַיין נָאכְן לֶערְנֶען אִין יְשִׁיבָה אַזוֹיפִיל יָאר אוּן הֶערְן הוּנְדֶערְטֶער דְרָשׁוֹת פוּן דֶעם, אַז מֶען זָאל נִישְׁט טְרָאסְטְן קֵיינֶעם, מֶען זָאל נִישְׁט פַארְבָּארְגְן דִי קְרֶעדִיט קַארְדְס אֲפִילוּ פַאר דֶעם בַּאגְלֵייבְּסְטֶער מֶענְטְשׁ - הָאסְטוּ אַזַא נַארִישְׁקֵייט גֶעטוּן?!

יֶעצְט דַארְפְסְטוּ רַחֲמֵי שָׁמַיִם דוּ זָאלְסְט צוּרִיק זֶען דִי גֶעלְט; חוּץ פוּן וָואס עֶס קָאסְט דִיר יֶעדֶע חוֹדֶשׁ אַזוֹיפִיל גֶעלְט נָאר צוּ בַּאצָאלְן דִי פְּרָאצֶענְט.

אִיךְ הָאבּ פַאר דִיר אַן עֵצָה וְוי אַזוֹי דוּ זָאלְסְט צוּרִיק זֶען דַיין גֶעלְט. בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג, אוּן אַפָּאר מָאל אַ טָאג, בְּנוֹסָף לָזֶה זָאלְסְטוּ רֶעדְן צוּ דַיין בַּעַל הַבַּיִת יֶעדְן טָאג שֵׁיינֶערְהֵייט, זָאלְסְט זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן מִיט אִים, וַוייל בְּדֶרֶךְ כְּלַל וֶוען מֶען פַארְבָּארְגְט גֶעלְט - זוּכְט דֶער לֹוֶה מֶען זָאל שְׁרֵייעֶן אוֹיף אִים, אַזוֹי שְׁפִּירְט עֶר זִיךְ בֶּעסֶער נִישְׁט צוּ בַּאצָאלְן, מִיטְ'ן טַעֲנָה: ״הָאסְט גֶעשְׁרִיגְן! הָאסְט מִיךְ פַארְשֶׁעמְט וְכוּ׳!״ רֶעד צוּ אִים טָאג טֶעגְלִיךְ עֶר זָאל אָנְהוֹיבְן בַּאצָאלְן שְׁטַייטְלִיךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט אַרוֹיסְגֵיין פוּן דַיינֶע חוֹבוֹת; מִיט תְּפִלָּה אוּן סַבְלָנוּת וֶועסְטוּ זֶען נִיסִים.

...

### אַ זִיבְּן יֶערִיג קִינְד גֶעעֶנְדִיגְט שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה אִין דִי פְּרֵייעֶ צַייטְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת שְׁלַח, כ״ד סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמוּד תּוֹרָה הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ יְרוּשָׁלַיִם**

יֶעצְט הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט דִי גוּטֶע נַייעֶס אַז דוּ הָאסְט מְסַיֵים גֶעוֶוען דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה; דָאס אִיז דָאךְ דִי שֶׁענְסְטֶע זַאךְ, אַ קִינְד פוּן זִיבְּן יָאר אַלְט זָאל לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אִין דִי פְּרֵייעֶ צַייט מִשְׁנַיוֹת בִּיזְן עֶנְדִיגְן גַאנְץ שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה!

אִיךְ הָאבּ גֶעהָאפְּט צוּ זַיין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל דִי וָואךְ, אָבֶער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט אַנְדֶערְשׁ.

אִיךְ בֶּענְק זִיךְ זֵייעֶר צוּ עֶנְק, אִיךְ ווִיל הֶערְן פוּן אַלֶע קִינְדֶער נָאךְ מַעֲשִׂיוֹת פוּן תְּפִלָּה.

שִׁיק אַ גְרִיס פַאר דַיינֶע עֶלְטֶערְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### מֶעסְטְן דִי וֶוערְטֶער, נִישְׁט מְצַעֵר צוּ זַיין דִי עֶלְטֶערְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת שְׁלַח, מְבָרְכִים הַחוֹדֶשׁ, כ״ה סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

זַייט אָפְן מִיט אַייעֶר מַאמֶע; זָאגְט אִיר אַז פַאר אַייעֶר מַאן אִיז מֶער בַּאקְוֶועם אַיינְצוּשְׁטֵיין אִין אַ פְּרִיוַואטֶע דִירָה, אַזוֹי וֶועט זִי נִישְׁט זַיין בְּרוֹגֶז אוֹיף אַייךְ; עֶס אִיז אַ פַארְשְׁטֶענְדְלִיכֶע זַאךְ אַז אַן אֵיידֶעם אִיז נִישְׁט אַזוֹי בַּאקְוֶועם וְכוּ׳, עֶר ווִיל זַיין פְּרִיוַואט.

בְּנוֹגֵעַ דִי עֶסְן; עֶס פַּאסְט נִישְׁט מִיט צוּ בְּרֶענְגֶען אֵייגֶענֶע עֶסְן, זֵיי וֶועלְן זִיךְ בַּאלֵיידִיגְן. אִיר קֶענְט הָאבְּן עֶסְן בַּיי אַייךְ אִין דִי דִירָה, אַזוֹי וֶועט אִיר

הָאבְּן כָּשֵׁרְ׳עֶ פְלֵייש, און בַּיי דִי סְעוּדוֹת זָאלְט אִיר זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט וֵויי צוּ טוּן אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן, אַזוֹי וֶועט זַיין שָׁלוֹם עַל יִשְׂרָאֵל.

גֶעבְּט אַכְטוּנְג, מֶעסְט דִי וֶוערְטֶער וָואס אִיר זָאגְט, עֶס זָאל זַיין מִיט דִי גְרֶעסְטֶע מָאס דֶרֶךְ אֶרֶץ און מִיט שֵׂכֶל. זָאגְט נִישְׁט: ״מַיין מַאן וִויל נִישְׁט קוּמֶען דָא״; דָאס וֶועט מַאכְן מַחֲלֹקֶת, זָאגְט דִי וֶוערְטֶער וָואס אִיז פְרִיעֶר גֶעשְׁרִיבְּן: ״פַאר מַיין מַאן אִיז בַּאקְוֶועמֶער אַיינְצוּשְׁטֵיין אִין אַ פְּרִיוַואטֶע דִירָה״; נִישְׁט מֶער און נִישְׁט וֵוייניגֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### אוֹיב מֶעגְלִיךְ, זָאל מֶען נִישְׁט מַאכְן דִי אָפֶּערַאצְיֶע אִין דִי דְרֵיי וָואכְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת שְׁלַח, מְבָרְכִים הַחוֹדֶשׁ, כ״ה סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אַז אִיר קֶענְט אָפְּשְׁטוּפְּן דִי אָפֶּערַאצְיֶע אוֹיף חוֹדֶשׁ אֱלוּל זָאלְט אִיר דָאס עֶנְדֶערְשׁ מַאכְן אִין חוֹדֶשׁ אֱלוּל וִוי אִין דִי דְרֵיי וָואכְן. אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ וֶוערְט גֶע׳פַּסְקְ׳נְט (אוֹרַח חַיִּים סִימָן תקנא, סְעִיף א): ״בַּר יִשְׂרָאֵל דְּאִית לֵיהּ דִּינָא בַּהֲדֵי עַכּוּ״ם לִשְׁתַּמִּיט מִנֵּיהּ דְּרֵיעַ מַזָּלֵיהּ״, אוֹיב מֶען הָאט אַ סִכְסוּךְ מִיט אַ גוֹי זָאל מֶען דָאס אָפְּשְׁטוּפְּן אוֹיף אֱלוּל, וַוייל אִין דִי דְרֵיי וָואכְן גֶעוֶועלְטִיגְט דֶער שַׂר פוּן עֵשָׂו (זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, דַּף עח:), ווידֶער אֱלוּל אִיז אַ חוֹדֶשׁ פוּן רַחְמָנוּת, זָאלְט אִיר עֶנְדֶערְשׁ מַאכְן דִי אָפֶּערַאצְיֶע אִין חוֹדֶשׁ אֱלוּל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ הִיטְן, אַייךְ און אַייעֶר מַאן און קִינְדֶער, אַלֶעס זָאל אַרִיבֶּערְגֵיין בְּשָׁלוֹם. דֶער עִיקָר זָאלְט אִיר דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט מִיט אַייךְ - וֶועט אִיר זֶען ווּאוּנְדֶערְלִיכֶע יְשׁוּעוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גְרֶעסֶער פוּן אַלֶע דָאקְטוֹרִים

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת שְׁלַח, מְבָרְכִים הַחוֹדֶשׁ, כ״ה סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

לָאזְט אַייךְ נִישְׁט צֶעבְּרֶעכְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, וֶוערְט נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס, עֶר אִיז גְרֶעסֶער פוּן אַלֶע דָאקְטוֹרִים; אַ דָאקְטֶער וָואס הֵיילְט אִיז אַ גוּטֶער שְׁלִיחַ, אָבֶּער דִי דָאקְטוֹרִים וָואס דֶערְשְׁרֶעקְן - זֵיי טָאר מֶען נִישְׁט אוֹיסְהֶערְן.

בְּלַייבְּט שְׁטַארְק מִיט אֱמוּנָה בַּה׳, פַארְלָאזְט אַייךְ נָאר אוֹיפְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אַייךְ הֶעלְפְן, אִיר וֶועט זֶען וואוּנְדֶער.

זָאגְט נֶעמֶען פוּן צַדִיקִים אוּן בֶּעטְס דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אַז בִּזְכוּת דִי צַדִיקִים וָואס אִיר הָאט מַזְכִּיר גֶעוֶוען זֵייעֶרֶע נֶעמֶען - זָאלְט אִיר זֶען אַ יְשׁוּעָה.

שְׁטַארְקְט אַייךְ, זַייט נִישְׁט פַארְלוֹירְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אַייךְ.

אַ גוּט שַׁבָּת.

...

### בְּלַייבְּט אַלְץ פַארְדֶעקְט אַייעֶר קָאפּ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - מוֹצָאֵי שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת שְׁלַח, כ״ז סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ב לפ״ק

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

בְּנוֹגֵעַ אַייעֶר פְרַאגֶע וְכוּ׳; אַייעֶר מַאן וֶועט זִיךְ דֶערְשְׁרֶעקְן.

בְּלַייבְּט אַלְץ פַארְדֶעקְט אַייעֶר קָאפּ, אַזוֹי וֶועט אִיר הָאבְּן חֵן אִין אַייעֶר מַאן׳ס אוֹיגְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### כַאפּ זִיךְ צוּרִיק אַרוֹיף אוֹיפְ'ן וָואגְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת קֹרַח, כ"ז סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף וֶועל אִיךְ זַיין זוּמֶער מִיט דִי יְשִׁיבָה אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי; דִי יָאר וֶועל אִיךְ זַיין מִיט דִי בָּחוּרִים בַּאזוּנְדֶער, אָפְּגֶעטֵיילְט; אִיךְ וֶועל נִישְׁט זַיין אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ פוּן שְׁטֶעטְל, אִיךְ וִויל נִישְׁט שְׁטֶערְן דִי הָלוֹךְ יֵלֵךְ פוּנֶעם שְׁטֶעטְל, אִיךְ וִויל נִישְׁט שְׁטֶערְן דִי כּוֹלֵל מִיט דִי מִנְיָנִים.

דִי וָואךְ וֶועט שׁוֹין זַיין דִי שִׁיעוּר לֵיל שִׁשִּׁי אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב; אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט קוּמֶען מִפַּעַם לְפַעַם.

קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ עֶנְדִיגְן מִיר מַסֶּכֶת יְבָמוֹת, עֶס אִיז מַמָּשׁ אַ שָׁאד אַז דוּ בִּיסְט אַרוֹיסְגֶעפַאלְן; אֶפְשָׁר יֶעצְט לְכָבוֹד דֶעם סִיּוּם הֵייבְּסְטוּ צוּרִיק אָן לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דֶעם בְּלַאט גְּמָרָא? דָאס וֶועט זַיין אַ גוּטֶע הַתְחָלָה פַאר דִי קוּמֶענְדִיגֶע מַסֶּכְתָּא, מַסֶּכֶת כְּתוּבּוֹת.

פַארְגֶעס נִישְׁט, מִיר פָארְן שׁוֹין אָט אָט קַיין אוּמַאן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, מִיט וָואס וֶועסְטוּ קוּמֶען? מֶען קוּמְט נִישְׁט מִיט קַיין לֵיידִיגֶע הֶענְט; אַז דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט גְּמָרָא וֶועט זִיךְ דֶער רֶבִּי צוּ דִיר זֵייעֶר פְרֵייעֶן.

הוֹיבּ הַיינְט אָן לֶערְנֶען דֶעם בְּלַאט גְּמָרָא; דַארְפְסְט נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין, דוּ זָאג דִי וֶוערְטֶער אֲפִילוּ בְּלִי הֲבָנָה כְּלָל. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן ריד): "תַּלְמוּד בְּגִימַטְרִיָּא אוֹתִיּוֹת שֶׁל שְׁמָהּ 'לִילִית', עַל כֵּן יֵשׁ כֹּחַ בְּלִמּוּד הַתַּלְמוּד לְהַכְנִיעַ אוֹתָהּ", 'תַּלְמוּד' בַּאטְרֶעפְט דִי זֶעלְבֶּע מִסְפָּר וִוי דִי נָאמֶען פוּן דִי קְלִיפָּה וָואס מַאכְט אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְן אִין פְּגַם הַבְּרִית, אוּן וֶוען מֶען לֶערְנְט גְּמָרָא אִיז מֶען מַכְנִיעַ דִי קְלִיפָּה; מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט: "דֶער סָמֶ"ךְ מֶ"ם הָאט זֵייעֶר מוֹרָא פוּן אַ דַף גְּמָרָא וַוייל דָאס בְּרֶענְט אִין אִים וִוי פֵייעֶר, דֶערְפַאר וֶועט עֶר אַלֶעס לָאזְן דֶעם מֶענְטְשׁ טוּן - אַבִּי נִישְׁט לֶערְנֶען גְּמָרָא".

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר'ן הֶעלְפְן דִי מוֹסָד; אִיךְ הָאף אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן

אַלֶע חוֹבוֹת. דִי חוֹבוֹת זֶענֶען בִּכְלַל נִישְׁט מַיינֶע, עֶס אִיז דַיינֶע חוֹבוֹת; אִיךְ הָאבּ דָאס גֶעבָּארְגְט פַאר דִיר, פַאר דַיינֶע קִינְדֶער, פַאר דַיינֶע דוֹרוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**דִי שִׁיעוּרִים וֶועלְן זַיין אִינֶעם אַלְטְן בִּנְיָן פוּן דִי הַדְפָּסָה**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת קֹרַח, כ״ז סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הִילְף קוּמֶען מִיר אַרוֹיס אִין שְׁטֶעטְל דִי וָואךְ, מִיר וֶועלְן זַיין פַאר צֶען וָואכְן מִיט עֶנְק.

דִי יָאר וִויל אִיךְ נִישְׁט שְׁטֶערְן עֶנְקֶער בֵּית הַמֶדְרָשׁ, אִיךְ וֶועל זַיין מִיט דִי בָּחוּרִים אִינֶעם אַלְטְן בִּנְיָן פוּן דִי הַדְפָּסָה, דָארְט וֶועלְן זַיין דִי שִׁיעוּרִים יֶעדְן אָוֶוענְט אוּם אַכְט אַזֵייגֶער. אִיךְ וִויל נִישְׁט שְׁטֶערְן דִי כּוֹלֵל, אוֹיךְ וִויל אִיךְ נִישְׁט שְׁטֶערְן דִי מִנְיָנִים בַּיי עֶנְק אִין שְׁטֶעטְל.

אִיךְ וִויל דִיר בֶּעטְן אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט קוּמֶען הֶעלְפְן אִינֶעם אַלְטְן בִּנְיָן הַדְפָּסָה, מֶען דַארְף דָאס אַהֶערְשְׁטֶעלְן עֶס זָאל זַיין גְרֵייט פַארְ׳ן זוּמֶער; אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט הֶעלְפְן בִּיטֶע רוּף יֶעצְט הָאבְרֵךְ ... מִיט הָאבְרֵךְ ...

אִיךְ הָאף דוּ לֶערְנְסְט דֶעם בְּלַאט גְמָרָא יֶעדְן טָאג; קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ זֶענֶען מִיר שׁוֹין מְסַיֵּים מַסֶכֶת יְבָמוֹת, זַיי קְלוּג, כַאפּ זִיךְ מִיט; טַאנְץ אַרוֹיף אוֹיפְ׳ן בַּאן וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ שֵׁיינֶע זַאכְן.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ.

...

**נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן אַ נוּמֶער אָדֶער אִימֶעיל וָואס מֶען קֶען נִישְׁט**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת קֹרַח, כ״ז סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

פוּן הַיינְט אָן זָאלְט אִיר נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן קַיין טֶעלֶעפָאן, אִימֶעיל וְכַדוֹמֶה - פוּן אֵיינֶעם וֶועם אִיר קֶענְט נִישְׁט.

שְׁרַייבְּט זִיךְ נִישְׁט מִיט קַיין פְרֶעמְדֶע נוּמֶער, וַוייל לֵיידֶער אִיז דִי וֶועלְט אַזוֹי גֶעפַאלְן אַז בָּחוּרִים אוּן מֶענֶער שְׁרַייבְּן זִיךְ מִיט מֵיידְלֶעךְ אוּן וַוייבְּלֶעךְ, מִיט פַאלְשֶׁע נֶעמֶען, דֶער בַּאשֶׁעפֶער זָאל אוּנְז הִיטְן; זָאלְט אִיר נָאר רֶעדְן אוּן הָאבְּן שַׁיְיכוּת מִיט אַ נוּמֶער וָואס אִיר וֵוייסְט גֶענוֹי וֶוער דָאס אִיז.

דָאס וָואס אִיר בֶּעט אִינֶעם בְּרִיוו, אִיר הָאפְּט אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה וֶועט אַייךְ פַארְשְׁטֵיין אוּן נִישְׁט אַרָאפְּקוּקְן; חַס וְשָׁלוֹם, אִיךְ קוּק אַייךְ נִישְׁט אַרָאפּ, אִיךְ ווִיל אָבֶער פַארְשְׁטֵיין אֵיין זַאךְ, אִיר שְׁרַייבְּט אַז דֶער בָּחוּר אִיז אַן עֶרְלִיכֶער בָּחוּר; אִיךְ ווִיל פַארְשְׁטֵיין, וָואס מֵיינְט אַן עֶרְלִיכֶער בָּחוּר? אַ בָּחוּר וָואס פַארְשְׁטֶעלְט זִיךְ ווִי אַ מֵיידְל, עֶר הוֹיבְּט אָן שְׁרַייבְּן מִיט פְרֶעמְדֶע מֵיידְלֶעךְ, עֶר נַארְט אוֹיס, עֶר קוּמְט מִיט אַ נָאמֶען ווִי אַ מֵיידְל, נָאכְדֶעם זָאגְט עֶר אוֹיס, עֶכְט בִּין אִיךְ אַ אִינְגְל, אִיךְ ווִיל חֲתוּנָה הָאבְּן מִיט דִיר - דָאס מֵיינְט אַן עֶרְלִיכֶער בָּחוּר? ווִי פִּינְקְטְלִיךְ הוֹיבְּט זִיךְ אָן זַיין עֶרְלִיכְקֵייט?!

אַ בָּחוּר וָואס לוֹיפְט נָאךְ מֵיידְלֶעךְ פַארְשְׁטֶעלְטֶערְהֵייט אִיז נִישְׁט פַאר אַייךְ, אִיר דַארְפְט אַן עֶרְלִיכֶער בָּחוּר, אַן עֶרְלִיכֶער מַאן.

...

**זוּךְ גוּטְס אִין דַיין קִינְד, וֶועט זִי וֶוערְן צוּרִיק עֶרְלִיךְ**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת קֹרַח, כ"ז סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... **נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אוֹי וֵויי, ווִי שְׁרֶעקְלִיךְ אִיז דַיין וֵוייטָאג; ווִי אִיז דָא אַ גְרֶעסֶערֶע וֵוייטָאג פַאר אַ טַאטֶע מַאמֶע צוּ זֶען ווִי אַ קִינְד קִילְט זִיךְ אָפּ פוּן דִי אִידִישֶׁע וֶועג? עֶס אִיז דָאךְ דִי גְרֶעסְטֶע צַעַר אוּן וֵוייטָאג וָואס אִיז פַארְהַאן.

דָאךְ ווִיל אִיךְ דִיר זֵייעֶר בֶּעטְן, ווִיסְן זָאלְסְטוּ, בַּיי דַיין פַאל אִיז דָאס נָאךְ מִיט גְרוֹיס חֲסָדִים, מֶען קֶען דָאס נָאךְ רַאטֶעוֶועןָ, עֶס אִיז תָּלוּי אִין דִיר אוּן דַיין וַוייבּ.

עֶרְשְׁטְנְס זָאלְסְטוּ זוּכְן גוּטֶע זַאכְן בַּיי דַיין טָאכְטֶער, אַנְשְׁטָאט זוּכְן אוּן נִישְׁטֶערְן אוֹיבּ זִי הִיט שַׁבָּת - זָאלְסְטוּ זוּכְן גוּטְס. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן רפב), וֶוען מֶען זוּכְט גוּטֶע זַאכְן, אֲפִילוּ יֶענֶער זָאל זַיין אַ רָשָׁע, וֶועט מֶען יֶענֶעם קֶענֶען אִיבֶּערְדְרֵייעֶן צוּ זַיין אַ צַדִּיק - דוּרְךְ קוּקְן גוּטְס אִין יֶענֶעם; עֶס אִיז כְּדַאי דוּ זָאלְסְט אַרַיינְקוּקְן אִין דִי הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער פוּן רֶבִּי'ן אִין סִימָן רפב.

פַארְוָואס זָאלְסְטוּ מוֹצָאֵי שַׁבָּת נָאכְקוּקְן דַיין טֶעלֶעפָאן פָּשׁוּט זֶען אוֹיבּ זִי הָאט שַׁבָּת גֶעטֶעקְסְט וְכוּ'? עֶנְדֶערְשׁ זָאלְסְטוּ זוּכְן אִין אִיר גוּטְס, זִי זָאל שְׁפִּירְן וִוי מֶען הָאלְט פוּן אִיר, וִוי זִי אִיז חָשׁוּב.

טַאנְץ פַאר שִׂמְחָה אַז זִי הִיט שַׁבָּת בְּגָלוּי; עַל פִּי הֲלָכָה הָאט מֶען נִישְׁט קַיין דִין פוּן אַ מְחַלֵּל שַׁבָּת נָאר וֶוער עֶס אִיז מְחַלֵּל שַׁבָּת בְּפַרְהֶסְיָא, פַארְוָואס זָאלְסְטוּ זוּכְן אוּן נִישְׁטֶערְן צוּ טְרֶעפְן עֶפֶּעס שְׁלֶעכְטְס? זִי שְׁפִּירְט זִיכֶער אַז דוּ בִּיסְט נִישְׁט רוּאִיג מִיט אִיר, אַ קִינְד שְׁפִּירְט אוּן וֵוייסְט פוּן אוֹיסְנְוֵוייניג וָואס דִי עֶלְטֶערְן הַאלְטְן פוּן אִים אָדֶער אִיר; דָאס אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג, זִי זָאל שְׁפִּירְן וִוי זִי אִיז חָשׁוּב.

צְוֵוייטְנְס זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל מַאכְן אַ נֵס עֶס זָאל אַרַיינְגֵיין אִין אִיר אַ הֵיילִיגֶע גֵייסְט, זִי זָאל תְּשׁוּבָה טוּן, זִי זָאל צוּרִיקְקוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, גֵיין אִין דִי וֶועג פוּן דִי תּוֹרָה; תְּפִלָּה אִיז שְׁטֶערְקֶער פוּן יֶעדֶע זַאךְ, תְּפִלָּה טוּישְׁט דִי טֶבַע, תְּפִלָּה אִיז לְמַעְלָה מִדֶּרֶךְ הַטֶּבַע, וָואס מֶען פּוֹעֵלְ'ט מִיט תְּפִלָּה - קֶען מֶען נִישְׁט פּוֹעֵלְ'ן דוּרְךְ קַיין שׁוּם אַנְדֶערֶע וֶועג; בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶועסְטוּ זֶען אַ יְשׁוּעָה בְּקָרוֹב.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## עֶס זָאל אוּנְטֶערְקוּמֶען אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ און דִי עֶלְטֶערְן זָאלְן מַסְכִּים זַיין

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת קֹרַח, כ״ז סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

בְּנוֹגֵעַ אַייעֶר פְּרַאגֶע, אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן זָאגְן אַייךְ אִיר זָאלְט נָאכְנִישְׁט חֲתוּנָה הָאבְן, אִיר זָאלְט עֶנְדֶערְשׁ זִיךְ לֶערְנֶען אַ פַאךְ, אַזוֹי וֶועט אִיר קֶענֶען הֶעלְפְן נָאךְ דִי חֲתוּנָה, זֵיי ווִילְן אִיר זָאלְט וַוארְטְן לְכָל הַפָּחוֹת בִּיז דִי צְוָואנְצִיג יָאר, אִיר ווִילְט ווִיסְן וָואס אִיז רִיכְטִיג.

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל אַייךְ אוּנְטֶערְקוּמֶען אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ און אַז אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן זָאלְן מַסְכִּים זַיין, דֶער שִׁידוּךְ זָאל צוּגֵיין מִיט שִׂמְחָה. תְּפִלָּה אִיז שְׁטֶערְקֶער פוּן אַלֶעס, תְּפִלָּה אִיז הֶעכֶער פוּן דִי טֶבַע; מִיט תְּפִלָּה זֶעט מֶען גְרוֹיסֶע נִיסִים.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר אִיר זָאלְט זִיךְ פִירְן צוּ אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן זֶענֶען זֵייעֶר חָשׁוּב, זֵיי הָאבְן מִיר גֶעשְׁרִיבְּן אַ בְּרִיוו אַז זֵיי ווִילְן ווִיסְן וָואס אִיז רִיכְטִיג צוּ טוּן מִיט אַייךְ; פוּן אֵיין זַייט זֶעעֶן זֵיי ווִי אִיר לֶעבְּט, זַייט אִיר זֶענְט מְקוּרָב צוּם רֶבִּי׳ן אִיז אַייעֶר לֶעבְּן אַ פְרֵיילִיכֶע לֶעבְּן, פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט אִיז בַּיי זֵיי זֵייעֶר מָאדְנֶע חֲתוּנָה צוּ הָאבְן יוּנְג, זֵיי קֶענֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין מֶען זָאל חֲתוּנָה הָאבְן פַאר דִי צְוָואנְצִיג, אִיךְ הָאב נָאכְנִישְׁט גֶעהַאט קַיין צַייט זֵיי צוּ עֶנְטְפֶערְן.

אַייךְ בֶּעט אִיךְ אִיר זָאלְט נִישְׁט טַעְנָה׳ען מִיט זֵיי; עֶלְטֶערְן דַארְף מֶען מְכַבֵּד זַיין. קִינְדֶער ווֵייסְן נִישְׁט וָואס דָאס מֵיינְט עֶלְטֶערְן, ווִי לַאנְג אִיר וֶועט נִישְׁט חֲתוּנָה הָאבְן און הָאבְן קִינְדֶער - וֶועט אִיר נִישְׁט ווִיסְן מַעֲרִיךְ צוּ זַיין און שֶׁעצְן עֶלְטֶערְן, מִיט עֶלְטֶערְן טַעֲנָה׳עט מֶען נִישְׁט; אַז אִיר ווִילְט שׁוֹין חֲתוּנָה הָאבְן - זָאלְט אִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאכְאַמָאל און נָאכְאַמָאל.

אוֹיךְ זָאלְט אִיר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז אַייעֶרֶע תְּפִילוֹת זָאלְן נִישְׁט קוּמֶען פוּן מָרָה שְׁחוֹרָה; אַסַאךְ מָאל וֶוען מֶען ווִיל עֶפֶּעס זֵייעֶר שְׁטַארְק - קֶען מֶען אַרַיינְפַאלְן אִין אַ מָרָה שְׁחוֹרָה, דָאס אִיז נִישְׁט גוּט, מָרָה שְׁחוֹרָה און עַצְבוּת

אִיז דִי סִטְרָא אַחֲרָא; וָוען מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דַארְף מֶען בֶּעטְן מִיט שִׂמְחָה, מִיט פְרֵייד, עֶס אִיז גָאר אַנְדֶערְשׁ תְּפִילוֹת וָואס מֶען בֶּעט מִיט שִׂמְחָה. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת תְּפִלָּה, סִימָן פא): "תְּפִלָּה שֶׁהִיא בְּשִׂמְחָה", וָוען מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט פְרֵיילִיכְקֵייט, "הִיא עֲרֵבָה וּמְתוּקָה לַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ", אִיז דִי תְּפִילוֹת זִיס אוּן אַיינְגֶענֶעם פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### אִיז הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ אַ פְּלַאץ נָאר פַאר שְׁוַואכֶערֶע מֶענְטְשְׁן?

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת קֹרַח, כ"ז סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דָאס וָואס דוּ פְרֶעגְסְט, מֶענְטְשְׁן זָאגְן דִיר אַז הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ אַז זֵייעֶר אַ גוּטֶע פְּלַאץ פַאר שְׁוַואכֶערֶע מֶענְטְשְׁן, עֶס אִיז נִישְׁט גוּט פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם; דוּ שְׁרַייבְּסְט, דוּ וֵוייסְט אַז דָאס אִיז נִישְׁט רִיכְטִיג, אָבֶּער דָאךְ אִיז דָאס דִיר מְבַלְבֵּל, דוּ בֶּעטְסְט חִיזּוּק.

מוֹהֲרָא"ש הָאט אַ נָאמֶען גֶעגֶעבְּן זַיין יְשִׁיבָה "הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ" אוֹיף דֶעם וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן נט): "מִי שֶׁמִּשְׁתַּדֵּל תָּמִיד לְקָרֵב בְּנֵי אָדָם לַעֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ", דֶער וָואס בְּרֶענְגְט צוּרִיק מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "צָרִיךְ לִשְׁמֹר אֶת עַצְמוֹ", דַארְף זִיךְ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן, "שֶׁלֹּא יִתְאַחֲזוּ בּוֹ הַקְּלִיפּוֹת וְהָרָע שֶׁל אֵלּוּ בְּנֵי אָדָם", עֶס זָאל זִיךְ נִישְׁט אָנְכַאפְּן אִין אִים דָאס שְׁלֶעכְטְס פוּן דִי אַלֶע מֶענְטְשְׁן וָואס עֶר אִיז מְקָרֵב צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "כִּי זֶה הָאִישׁ הַמִּשְׁתַּדֵּל לְקָרֵב וְלַעֲשׂוֹת נְפָשׁוֹת, בִּבְחִינַת 'וְאֶת הַנֶּפֶשׁ אֲשֶׁר עָשׂוּ בְחָרָן'", ווַייל דֶער מֶענְטְשׁ וָואס אִיז עוֹסֵק אִין דִי הֵיילִיגֶע עֲבוֹדָה פוּן צוּרִיקְבְּרֶענְגֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "הוּא בּוֹנֶה בְּחִינַת 'הֵיכַל הַקֹּדֶשׁ'", עֶר בּוֹיעֶט אַ הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט "'וְהַנּוֹתָר בִּירוּשָׁלַיִם קָדוֹשׁ יֵאָמֶר לוֹ'", דִי אַלֶע וָואס וֶועלְן אִיבֶּערְבְּלַייבְּן אִין יְרוּשָׁלַיִם וֶועלְן וֶוערְן

אָנְגֶערוּפְן הֵיילִיג, "הַיְנוּ זֶה שֶׁבְּנֵי אָדָם נִשְׁאָרִים דְּבוּקִים בְּיִרְאָה שְׁלֵמָה עַל יָדוֹ", וַוייל די אַלֶע וָואס בְּלַייבְּן מִיט זֵייעֶר יִרְאַת שָׁמַיִם דוּרְךְ אִים, "אַף עַל פִּי שֶׁיֵּשׁ כַּמָּה וְכַמָּה שֶׁנָּפְלוּ מִקְּדֻשָּׁתָם", אֲפִילוּ נִישְׁט יֶעדֶער אֵיינֶער בְּלַייבְּט, אַסַאךְ פַאלְן צוּרִיק, "אַף עַל פִּי כֵן מֵאֵלּוּ שֶׁנִּשְׁאֲרוּ בְּיִרְאָה שָׁלֵם", מִיט דֶעם אִיז דָאךְ אָבֶּער דָא אַסַאךְ וָואס בְּלַייבְּן יָא מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם, "עַל יְדֵי זֶה 'קָדוֹשׁ יֵאָמֵר לוֹ'", עַיֵּין שָׁם.

הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ אִיז אַ פְּלַאץ וואו מֶען לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה און יִרְאַת שָׁמַיִם, מֶען אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, יֶעדֶער אֵיינֶער לֶערְנְט און הָאט אַ רֵייץ צוּ עֶנְדִיגְן כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ, און מֶען אִיז מְחַזֵּק מֶען זָאל לֶעבְּן מִיט שָׁלוֹם, בִּפְרַט בֵּין אִישׁ לְאִשְׁתּוֹ, דֶער לִימּוּד לֶערְנְט מֶען אִין הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ; דָאס דַארְפְן אַלֶע לֶערְנֶען, אֲפִילוּ גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים. אַזוֹי ווי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אוֹיפְ'ן וֶועג קַיין נָאוֶוערִיטְשׁ (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רנא): "יֵשׁ לְאֵל יָדִי לְהַחֲזִיר כָּל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ לְמוּטָב", אִיךְ הָאבּ בְּכֹחַ צוּרִיק צוּ בְּרֶענְגֶען די גַאנְצֶע וֶועלְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וְלֹא בִּלְבַד אֲנָשִׁים פְּשׁוּטִים", נִישְׁט נָאר פְּרָאסְטֶע מֶענְטְשְׁן, "אֶלָּא אֲפִלּוּ צַדִּיקִים", נָאר אֲפִילוּ צַדִּיקִים, "וַאֲנָשִׁים גְּדוֹלִים", און גְרוֹיסֶע לַייט, "אֲנִי יָכוֹל לְהַחֲזִירָם לְמוּטָב", קֶען אִיךְ זֵיי אַלֶע צוּרִיקְבְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עַיֵּין שָׁם.

אַלֶע דַארְפְן די חִיזּוּק פוּן רֶבִּי'ן, אַלֶע קֶענֶען נוּצְן חִיזּוּק אוֹיף תּוֹרָה, תְּפִלָּה און דֶרֶךְ אֶרֶץ; וואוּיל אִיז דֶעם וָואס לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן, עֶר מַאכְט זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן 'וָואס בַּאקוּם אִיךְ בַּיי דֶעם רֶבִּי'ן? וָואס בַּאקוּם אִיךְ אִין דֶעם חֶדֶר - הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ?' עֶר קוּקְט אִין די הַאנְט, וָואס הָאבּ אִיךְ? און אַז מֶען זֶעט אַז מֶען בַּאקוּמְט אֱמוּנָה, מֶען בַּאקוּמְט חִיזּוּק פַאר תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, מֶען בַּאקוּמְט חִיזּוּק אוֹיפְ'ן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימּוּד (כַּמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו) און אוֹיף עֲבוֹדַת הַמִּידוֹת וְכוּ' וְכוּ' - אַזַא אֵיינֶעם גֵייט נִישְׁט אָן וָואס דֶער זָאגְט און וָואס יֶענֶער זָאגְט, עֶר טוּט וָואס אִיז גוּט פַאר אִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אָנְטְרָאגְן אַ שִׁידוּךְ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת קֹרַח, כ״ז סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳, יְרוּשָׁלַיִם

אִיךְ וָואלְט גֶעוָואלְט וִויסְן אוֹיבּ אִיךְ קֶען אָנְטְרָאגְן אַ שִׁידוּךְ פַּאר אַייעֶר טָאכְטֶער תִּחְיֶ׳.

אִיךְ הָאבּ אַ גֶעדַאנְק, זַייעֶר אַ גוּטֶער בָּחוּר, אַן עֶרְלִיכֶער, אַ יְרֵא שָׁמַיִם אוּן גוּטֶע מִידוֹת; בִּיטֶע מִיר שְׁרַייבְּן אוֹיבּ אִיר זֶענְט גְרֵייט צוּ הֶערְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זִיךְ שְׁטֶעכְן מִיט מֶעדֶעצִין וָואס נֶעמְט אָוֶועק דִי אַפֶּעטִיט?

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת קֹרַח, כ״ח סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

בְּנוֹגֵעַ אַייעֶר פְרַאגֶע פוּן זִיךְ שְׁטֶעכְן מִיט דִי מֶעדֶעצִין וָואס נֶעמְט אַוֶועק דִי אַפֶּעטִיט, אִיר הֶערְט פוּן מֶענְטְשְׁן אַז דָאס אַרְבֶּעט ווּאוּנְדֶערְלִיךְ, אִיר ווִילְט וִויסְן אוֹיבּ אִיר זָאלְט דָאס טוּן; טוּט נִישְׁט דִי נַייעֶ זַאךְ וָואס מֶענְטְשְׁן טוּעֶן יֶעצְט פוּן זִיךְ שְׁטֶעכְן מִיט אַ מֶעדִיקֶעיִשְׁן וָואס נֶעמְט אַוֶועק דִי אַפֶּעטִיט, דִי אַלֶע זַאכְן זֶענֶען נִישְׁט גוּט; אַזוֹי אוֹיךְ זָאלְט אִיר נִישְׁט מַאכְן דִי סְלִיוְו, עֶס אִיז נִישְׁט כְּדַאי זִיךְ לֵייגְן אוּנְטֶער אַ מֶעסֶער, מוֹהֲרַא״שׁ פְלֶעגְט אָפְּרֶעדְן פוּן דָאס טוּן.

עֶנְדֶערְשׁ זָאלְט אִיר נֶעמֶען דֶעם רֶבִּינְ׳ס מֶעדֶעצִין, פוּן זַיין פְרֵיילִיךְ. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳, סִימָן כד): ״מִצְוָה גְּדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד״, עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, ״וּלְהִתְגַּבֵּר לְהַרְחִיק הָעַצְבוּת וְהַמָּרָה שְׁחֹרָה בְּכָל כֹּחוֹ״, אוּן זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אַלֶע כֹּחוֹת נִישְׁט צוּ זַיין דֶעפְּרֶעסְט. ״וְכָל הַחוֹלַאַת הַבָּאִין עַל הָאָדָם, כֻּלָּם בָּאִין רַק מִקִּלְקוּל הַשִּׂמְחָה״, וַוייל אַלֶע מַחְלוֹת אוּן אַלֶע קְרֶענְק וָואס קוּמֶען אוֹיפְ׳ן מֶענְטְשׁ -

אִיז נָאר וַוייל מֶען אִיז דֶערפְרֶעסְט אוּן נִישְׁט פְרֵיילִיךְ.

גֵייט שְׁפַּאצִירְן יֶעדְן טָאג; עֶס אִיז זֵייעֶר גֶעזוּנְט צוּ גֵיין שְׁפַּאצִירְן, עֶס אִיז גֶעזוּנְט פַארְ'ן גוּף אוּן פַארְ'ן מֹחַ, בַּיים שְׁפַּאצִירְן זָאלְט אִיר דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, קוּקְט אַרוּיף צוּם הִימְל, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (יְשַׁעְיָה מ, כו): "שְׂאוּ מָרוֹם עֵינֵיכֶם וּרְאוּ מִי בָרָא אֵלֶּה"; זַייט אַייךְ מִתְבּוֹנֵן, וֶוער הָאט דָאס אַלֶעס בַּאשַׁאפְן? דָאס וֶועט אַייךְ פְרֵיילִיךְ מַאכְן, אַזוֹי וֶועט אִיר זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק.

דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט דָאס גֶעטוּן, עֶר פְלֶעגְט גֵיין שְׁפַּאצִירְן אוּן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין; רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִינְגֶען צוּ אִים, אִים דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן; פוּן דֶעם הָאט עֶר גֶעמַאכְט דֶעם סֵפֶר תְּהִלִּים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**לֶערְנְט אַייעֶרֶע קִינְדֶער נִישְׁט צוּ הָאבְּן מִיט פְרֶעמְדֶע מֶענֶער**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת קֹרַח, כ"ח סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן**

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דִי שְׁרֶעקֶעדִיגֶע פְרַאגֶע.

אִיךְ בִּין גֶעבְּלִיבְּן פַארְפְרוֹירְן פוּן דִי פְרַאגֶע, עֶס אִיז זֵייעֶר אַ שְׁוֶועֶרֶע פְרַאגֶע; עֶס אִיז מִיר שְׁוֶוער צוּ עֶנְטְפֶערְן וֶוען אִיךְ קֶען נִישְׁט דֶעם אִינְגֶערְמַאן, אַייעֶר אֵיידֶעם - פוּן דֶער נָאנְט. פוּן דֶערְוַוייטְנְס קֶען אִיךְ אַייךְ זָאגְן עֶס מוּז נִישְׁט זַיין דָא קַיין גֶט, מֶען דַארְף אָבֶּער רֶעדְן צוּ אִים; אִים גֶעבְּן צוּ פַארְשְׁטֵיין אַז דָאס אִיז נִישְׁט קַיין שְׁפִּיל, אוֹיבּ עֶר וֶועט נָאכְאַמָאל אָנְרִירְן אַייעֶר טָאכְטֶער אָדֶער אַ פְרֶעמְדֶע מֵיידְל וֶועט עֶר עֶנְדִיגְן אִין תְּפִיסָה אוּן מֶער קֵיינְמָאל נִישְׁט זֶען זַיינֶע קִינְדֶער.

לֶערְנְט אַייעֶרֶע קִינְדֶער נִישְׁט צוּ הָאבְּן מִיט פְרֶעמְדֶע מֶענֶער, נִישְׁט רֶעדְן אוּן נִישְׁט לַאכְן - אֲפִילוּ מִיט מִשְׁפָּחָה, אוּן אוֹיבּ אֵיינֶער רוּפְט פְרִיוַואט אִין צִימֶער - זָאל מֶען נִישְׁט גֵיין.

דֶער בַּאשֶׁעפֶּער זָאל שׁוֹין רַחְמָנוּת אוֹיף אוּנְז; אוּנְז שִׁיקְן מָשִׁיחַ, אוּנְז אוֹיסְלֵייזְן פוּן גָלוּת.

...

## כַּשֶׁר דַיין טֶעלֶעפָאן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת קֹרַח, עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמוּז, שְׁנַת תשפ"ב לפ"ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

הַיינְט אִיז עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמוּ"ז, עֶס כַאפְּט אַ צִיטֶער, מִיר קוּמֶען שׁוֹין נָאנְט צוּ דִי הֵיילִיגֶע טֶעג. דִי דוֹרְשֵׁי רְשׁוּמוֹת זָאגְן, תַּמוּז אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת: ז'מַנֵּי תְּ'שׁוּבָה מְ'מַשְׁמְשִׁין וּ'בָאִין.

גֵיי זָאג יוֹם כִּיפּוּר קָטָן; בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זָאגְט מֶען יֶעדְן עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ יוֹם כִּיפּוּר קָטָן, בִּפְרַט דֶעם חוֹדֶשׁ דַארְפְן מִיר אַסַאךְ רַחֲמֵי שָׁמַיִם, וַוייל אִין זוֹהַר הַקָדוֹשׁ שְׁטֵייט אַז דִי חוֹדֶשׁ הָאט עֵשָׂו גֶענוּמֶען פַאר זִיךְ, אִין דֶעם חוֹדֶשׁ הוֹיבְּט זִיךְ אָן דִי דְרֵיי וָואכְן וָואס מִיר טְרוֹיעֶרְן אוֹיפְ'ן חוּרְבָּן בֵּית הַמִקְדָשׁ, מִיר דַארְפְן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיר זָאלְן שׁוֹין וֶוערְן אוֹיסְגֶעלֵייזְט פוּן דֶעם בִּיטֶערְן גָלוּת בִּכְלַל וּבִפְרַט.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ צוּרִיק אָנְהוֹיבְן דַיין שִׁיעוּר אִין מִשְׁנַיוֹת; מִשְׁנַיוֹת הָאט אִין זִיךְ אַ גֶעוַואלְדִיגֶע כֹּחַ, עֶס רֵיינִיגְט פוּן אַלֶע שְׁמוּץ, אֲפִילוּ מֶען אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין בִּיטֶערֶע חֲטָאִים, אוֹיב מֶען לֶערְנְט מִשְׁנַיוֹת - וֶוערְט מֶען רֵיין, מֶען אִיז זוֹכֶה אַרוֹיס צוּ גֵיין פוּן דִי קְלִיפּוֹת.

אוֹיךְ וִויל אִיךְ דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט שׁוֹין גֵיין כַּשֶׁרְ'ן דַיין טֶעלֶעפָאן; וַוארְט נִישְׁט אוֹיף אַ קְלַאפּ פוּן הִימְל. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אָפְּהִיטְן, וֶוען דֶער גִיבּוֹר קוּמְט - דֶעמָאלְט אִיז זֵייעֶר בִּיטֶער. זֶע דַיין טֶעלֶעפָאן אוּן אַלֶע דַיינֶע מַעֲשִׂיוֹת וָואס דוּ הָאסְט - זָאלְן זַיין רֵיין פוּן עֲבֵירוֹת.

מִיר פָארְן שׁוֹין כִּמְעַט צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָׁנָה; מִיט וָואס פַאר אַ פָּנִים וֶועסְטוּ קוּמֶען? וָואס וֶועסְטוּ זָאגְן דֶעם רֶבִּי'ן? טוּ עֶס שׁוֹין יֶעצְט.

...

## יֶעדֶער זָאל קוּמֶען צוּ יוֹם כִּפּוּר קָטָן, אַיינְרַייסְן פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת קֹרַח, עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ב לפ"ק
לְכָבוֹד ... **נֵרוֹ יָאִיר, גַּבְּאֵי בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

זַיי מוֹדִיעַ פַאר דִי גַאנְצֶע שְׁטֶעטְל, אַלֶע זָאלְן קוּמֶען הַיינְט זָאגְן יוֹם כִּיפּוּר קָטָן.

מִיר דַארְפְן גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת, מֶען דַארְף אַיינְרַייסְן פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער; עֶס אִיז דָא אִין שְׁטֶעטְל אַפָּאר מִשְׁפָּחוֹת וָואס דַארְפְן גְרוֹיסֶע נִיסִים, אִיךְ וִויל נִישְׁט אַרוֹיסְשְׁרַייבְּן, מִיר דַארְפְן גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת אוּן רְפוּאוֹת.

נֶעם צַאם דֶעם עוֹלָם אוּן זָאגְט אִינְאֵיינֶעם יוֹם כִּיפּוּר קָטָן, אוּן יֶעדֶער זָאל זִיךְ פָארְנֶעמֶען עֶפֶּעס צוּ פַארֶערְכְטְן, תְּשׁוּבָה טוּן - עֶס זָאל זַיין אַ זְכוּת פַאר דִי מִשְׁפָּחוֹת וָואס דַארְפְן יֶעצְט גְרוֹיסֶע נִסִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אִיךְ וִויל זֵייעֶר שְׁטַארְק זַיין מִיט דִיר בְּקֶשֶׁר

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת קֹרַח, א' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ב לפ"ק
לְכָבוֹד ... **נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וֶוער הָאט כֹּחַ צוּ מַחֲלֹקֶת? וֶוער הָאט צַייט צוּ קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן? אַ מֶענְטְשׁ אִיז יֶעדֶע רֶגַע אִין אַ סַכָּנָה, מֶען קֶען אִין אֵיין מִינוּט אַרַיינְפַאלְן אִין בִּיטֶערֶע צָרוֹת, וָואס הָאט מֶען פוּן טְרַאכְטְן שְׁלֶעכְטְס אוֹיף אַ צְוֵוייטְן?!

אִיךְ הֶער נָאר אוֹיס מֶענְטְשְׁן אוּן אִיךְ שְׁפִּיר וִוי אִיךְ גֵיי אַרָאפּ פוּן זִין, נָאר פוּן הֶערְן צָרוֹת יִשְׂרָאֵל; דָא אִיז אַ אִינְגֶערְמַאן אַ טַאטֶע פוּן קִינְדֶער וָואס קֶען נִישְׁט גֵיין, עֶר וַוארְט אוֹיף אַ רְפוּאָה, יֶעדֶער דָאקְטֶער זָאגְט עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ; בַּיי אַ צְוֵוייטְן אִיז דִי וַוייבּ נִישְׁט גֶעזוּנְט, בַּיי אַ דְרִיטְן דַארְף דִי קִינְד רַחֲמֵי שָׁמַיִם - וִוי אִיז דָא צַייט צוּ קוּקְן אוֹיף אַנְדֶערֶע? זַיין פַארְנוּמֶען מִיט אַנְדֶערֶע?!

מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְּלֶעגְט אוּנְז שְׁטֶענְדִיג מְעוֹרֵר זַיין מִיר זָאלְן עוֹסֵק זַיין אִין דִי מִצְוָה פוּן בִּיקוּר חוֹלִים; עֶרְשְׁטְנְס, דִי מִצְוָה אִיז זֵייעֶר אַ חָשׁוּב'עֶ מִצְוָה, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (נְדָרִים מ.) וֶוער עֶס אִיז נִישְׁט מְבַקֵּר חוֹלִים אִיז כְּאִילוּ עֶר אִיז שׁוֹפֵךְ דָמִים; צְוֵוייטְנְס, פַאר זִיךְ אַלֵיינְס, וֶוען מֶען גֵייט מְבַקֵּר זַיין חוֹלִים, מֶען זֶעט וָואס דֶער מֶענְטְשׁ אִיז; דֶער לִיגְט אִין בֶּעט מִיט מַאשִׁינֶען פַארְ'ן אָטֶעם, אַ צְוֵוייטֶער לִיגְט מִיט אַ מַאשִׁין וָואס עֶסְט פַאר אִים, אַ דְרִיטֶער לִיגְט מִיט אַ מַאשִׁין וָואס קְלַאפְּט דִי הַארְץ פַאר אִים - הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, הַשֵּׁם יְרַחֵם עַל עַמּוֹ יִשְׂרָאֵל, דַאן הוֹיבְּט מֶען אָן זֶען דִי חֲסָדִים פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלֶע מַחֲלֹקֶת פַאלְן אַוֶועק, אַלֶע טַעֲנוֹת אוּן קֻשְׁיוֹת אוֹיף דִי אֱמוּנָה פְּלִיעֶן אַוֶועק.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, לָאז אָפּ דִי מַחֲלֹקֶת, לָאז אָפּ דִי קִנְאָה, לָאז אָפּ דִי טַעֲנוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן; זַיי זִיךְ מְדַבֵּק מִיט דִי אֱמוּנָה הַקְּדוֹשָׁה, דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶועט דִיר זַיין גוּט, דֶער רֶבִּי זָאגְט אֱמוּנָה מַאכְט לִיכְטִיג, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (יְחֶזְקֵאל מג, ב): "וְהָאָרֶץ הֵאִירָה מִכְּבֹדוֹ".

מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף פָאר אִיךְ אַרוֹיס הַיינְט מִיט מַיין מִשְׁפָּחָה צוּ דִי בֶּערְג, אִיךְ וֶועל זַיין דִי קוּמֶענְדִיגֶע וָואכְן אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב מִיט דִי יְשִׁיבָה הַקְּדוֹשָׁה.

מָארְגְן נַאכְט לֵיל שִׁשִּׁי וֶועט זַיין דֶער וֶועכְנְטְלִיכֶער שִׁיעוּר אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב; אִיךְ וִויל זֵייעֶר שְׁטַארְק זַיין מִיט דִיר בְּקֶשֶׁר, עֶס אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג צוּ זַיין צוּגֶעבִּינְדְן צוּם רֶבִּי'ן דוּרְךְ זִיךְ דְרֵייעֶן מִיט בְּרֶסְלֶבְ'עֶ חֲסִידִים, לֶערְנֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת אוּן חִיזוּקִים.

הַיינְט נַאכְט אִיז דָא אַ צַאמְקוּם פַאר דִי פְרוֹיעֶן אִין שְׁטֶעטְל, עֶס אִיז וִויכְטִיג אַז דַיין וַוייבּ זָאל קֶענֶען מִיטְהַאלְטְן דִי פְרוֹיעֶן צַאמְקוּם; אַז זִי וֶועט זַיין פְרֵיילִיךְ וֶועסְטוּ דָאךְ פַארְדִינֶען, דִי גַאנְצֶע שְׁטוּב וֶועט אוֹיפְלֶעבְן, עֶס וֶועט גָארְנִישְׁט זַיין אַז דוּ וֶועסְט בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּב אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי קִינְדֶער אַז זִי זָאל קֶענֶען מִיטְהַאלְטְן אֵיין מָאל אַ וָואךְ דִי פְרוֹיעֶן צַאמְקוּם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## שְׁלִיס זִיךְ אָן אִינֶעם נַייעֶם קָאמְפֵּיין

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת קֹרַח, ב' דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ב לפ"ק

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

בְּחַסְדֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בִּין אִיךְ נֶעכְטְן נַאכְט אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען מִיט מַיין מִשְׁפָּחָה קַיין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי, אִיךְ בִּין אַזוֹי פְרֵיילִיךְ צוּ זַיין אִין אַזַא לוֹיטֶערֶע רֵיינֶע פְּלַאץ. בִּכְלַל אִיז אוֹיבְן צְווִישְׁן דִי בֶּערְג רֵיין, וּבִפְרַט צְווִישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן; אַלֶעס אִיז תְּפִלָּה, אַלֶעס אִיז אֱמוּנָה, מֶען אַרְבֶּעט אוֹיף דִי מִידוֹת, זִיךְ אוֹיסְצוּלַייטֶערְן; וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ!

יֶעצְט וֶוען מִיר הָאבְּן גֶעהַאט דִי קָאמְפֵּיין הָאבּ אִיךְ פְּרִישׁ גֶעזֶען דִי הֶעלְדִישְׁקֵייט פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, ווִי יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט עוֹסֵק גֶעוֶוען אִין צְדָקָה; מֶען הָאט גֶעטוּן פַאר דִי מוֹסָד, מִיר זָאלְן נִישְׁט זִינְקֶען אִין חוֹבוֹת - מִיט אַזַא גֶעטְרֵייִשַׁאפְט, אִיךְ מוּז דִיר זָאגְן אִיךְ בִּין זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן דִי גַאנְצֶע זַאךְ.

יֶעצְט הוֹיבְּן מִיר אָן אַ נֵייעֶם קָאמְפֵּיין. קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ גֵייעֶן מִיר קוֹיפְן נֵייעֶ שְׁטָחִים, מִיר גֵייעֶן אַרַיין אִין אַ נֵייעֶ מַסֶכְתָּא, מַסֶּכֶת כְּתוּבּוֹת; ווִיל אִיךְ דוּ זָאלְסְט זִיךְ אָנְשְׁלִיסְן, דוּ זָאלְסְט אוֹיךְ הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין דִי מֶקַח, דָאס אִיז אַ גוּטֶע מֶקַח. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט (מִשְׁלֵי ד, ב): "כִּי לֶקַח טוֹב נָתַתִּי לָכֶם", אִיךְ הָאבּ אַ גוּטֶע דִיעֶל, "תּוֹרָתִי", מַיין תּוֹרָה, "אַל תַּעֲזֹבוּ", לָאזְט דָאס נִישְׁט אָפּ, "עֵץ חַיִּים הִיא" (שָׁם ג, יח), דָאס אִיז אַ בּוֹים פוּן לֶעבְּן; וֶוער עֶס לֶערְנְט תּוֹרָה הָאט לֶעבְּן, עֶס פֶעלְט אִים נִישְׁט בָּזֶה וּבַבָּא.

אִיךְ ווִיל זֵייעֶר שְׁטַארְק זָאלְסְט מַאכְן אַ גָאוֹל פוּן לֶערְנֶען לְכָל הַפָּחוֹת אֵיין בְּלַאט גְמָרָא יֶעדְן טָאג; אָן קַיין מַעֲשִׂיּוֹת, אָן קַיין תֵּירוּצִים.

הַיינְט נַאכְט וֶועט זַיין דִי לֵיל שִׁשִּׁי שִׁיעוּר אִין שְׁטֶעטְל; דִי שִׁיעוּר וֶועט נִישְׁט זַיין נַיין אַזֵייגֶער, אִיךְ ווִיל נִישְׁט שְׁטֶערְן דִי שׁוּל מִיט דִי מִנְיָנִים; דִי שִׁיעוּר וֶועט פָּארְקוּמֶען צֶען אַזֵייגֶער, גְלַייךְ נָאךְ מַעֲרִיב; אִיךְ הָאף דִיר צוּ זֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ גוּטְן חוֹדֶשׁ.

...

**וואוּיל אִיז דֶעם וָואס הֶעלְפְט בּוֹיעֶן דִי מוֹסְדוֹת**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פָּרָשַׁת קֹרַח, ב׳ דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ב לפ״ק**
**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר׳ן מִיר הֶעלְפְן שַׁאפְן הַלְוָואוֹת צוּ קֶענֶען אָפְּקוֹיפְן דִי קָאנְטְרִי; גֶעבּ אִיבֶּער פַאר אַלֶע וָואס הָאבְּן גֶעבָּארְגְט זֵיי זָאלְן זִיךְ פְרֵייעֶן אַז זֵיי הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין בּוֹיעֶן דִי הֵיילִיגֶע מוֹסְדוֹת.

דִיר בֶּעט אִיךְ, שְׁטַארְק זִיךְ אוּן זַיי מַמְשִׁיךְ צוּ הֶעלְפְן דִי מוֹסָד. בֶּאֱמֶת טוּסְטוּ אַ גְרוֹיסֶע טוֹבָה פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אוֹיסֶער דִי גְרוֹיסֶע מִצְוָה וָואס זֵיי הָאבְּן צוּ הֶעלְפְן בּוֹיעֶן מוֹסְדוֹת, בְּנוֹסָף לָזֶה, טוּסְטוּ זֵיי אַ טוֹבָה אַז זֵיי וֶועלְן צוּרִיק זֶען זֵייעֶר גֶעלְט; עֶס אִיז אַזוֹי שְׁרֶעקֶעדִיג צוּ הֶערְן אֵיין מַעֲשֶׂה נָאכְן צְוֵוייטְן וִוי אִינְגֶעלַייט פַארְלִירְן זֵייעֶר גֶעלְט דוּרְךְ שְׁווִינְדְלֶער אוּן גַּנָּבִים.

דִי וָואךְ הָאט מִיר אַ אִינְגֶערְמַאן דֶערְצֵיילְט מִיט אַ רוֹיטֶע פַארְשֶׁעמְטֶע פָּנִים אַז אֵיינֶער הָאט אִים אַיינְגֶערֶעדְט עֶר זָאל מַאכְן מִיט אִים אַ שׁוּתְּפוּת, עֶר גֵייט פַארְקוֹיפְן וְכוּ׳; עֶר הָאט אַרַיינְגֶעלֵייגְט צְוֵויי הוּנְדֶערְט טוֹיזְנְט דָאלֶער אוּן לֹא דוֹבִים וְלֹא יַעַר, נִישְׁטָא גָארְנִישְׁט; עֶר זָאגְט מִיר מִיט אַ פַארְשֶׁעמְטֶע פָּנִים: ״אִיךְ שֶׁעם זִיךְ פַאר׳ן טוּן אַזַא זַאךְ אָן קוּמֶען פְרֶעגְן וְכוּ׳״.

וֶוען אִיךְ הָאבּ דָאס גֶעהֶערְט הָאבּ אִיךְ גְלַייךְ גֶעטְרַאכְט פוּן דִיר, אִיךְ גֵיי דִיר פָארְהַאלְטְן הֲיִתָּכֵן אַ אִינְגֶערְמַאן בַּיי אוּנְז זִיצְט מִיט גֶעלְט אוּן דוּ הָאסְט עֶס נָאכְנִישְׁט גֶעבָּארְגְט פַאר דִי מוֹסָד; לְכָל הַפָּחוֹת זָאל יֶענֶער צוּרִיק זֶען דִי גֶעלְט.

אַזֶעלְכֶע מַעֲשִׂיוֹת הֶער אִיךְ כְּסֵדֶר; עֶס דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם שְׁווִינְדְלֶערְס מִיט שְׁמֵייכְלְדִיגֶע, זִיסֶע אוּן הָאנִיגְדִיגֶע וֶוערְטֶער אוּן נַארְן אַרוֹיס גֶעלְט פוּן מֶענְטְשְׁן.

וואוּיל אִיז דֶעם וָואס הֶעלְפְט בּוֹיעֶן דִי מוֹסְדוֹת, עֶר הֶעלְפְט בּוֹיעֶן אִידִישְׁקֵייט; וֶועט עֶר הָאבְּן דִי קֶרֶן אוּן פֵּירוֹת אַוֶועקְגֶעלֵייגְט בָּזֶה וּבַבָּא.

...

### אַז אַ שַׁדְכָן רוּפְט דִיר - זָאלְסְטוּ מִיט אַרְבֶּעטְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת קֹרַח, ב' דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ב לפ"ק

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַז מֶען רֶעדְט דִיר אַ שִׁידוּךְ זָאלְסְטוּ זָאגְן אַז דוּ בִּיסְט גְרֵייט זִיךְ צוּ טְרֶעפְן, אוּן וִוי שְׁנֶעלֶער עֶנְדִיגְן דִי שִׁידוּךְ.

עֶס אִיז דָא אַ לָשׁוֹן אִין סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת (מַעֲשֶׂה יג, פוּן דִי ז' בֶּעטְלֶערְס): "תֵּיכֶּף וִוי מֶע הָאט אָנְגִיהוֹבְּן דֶערְפוּן צוּ שְׁמוּסְן, אִיז דָאס זֵיי אַלֶע זֵייעֶר גִיפֶּעלְן, הָאט מֶען זֵיי מְשַׁדֵּךְ גִיוֶועןְ", תֵּיכֶּף וִוי מֶען הָאט נָאר אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן פוּנֶעם שִׁידוּךְ צְוִוישְׁן דִי צְוֵויי קִינְדֶער וָואס זֶענֶען פַארְלוֹירְן גֶעוָוארְן וְכוּ', הָאט מֶען גְלַייךְ פַארְמַאכְט דִי שִׁידוּךְ; זֵיי הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוועןְ צוּ דִי גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגוֹת נָאר וַוייל זֵיי הָאבְּן חֲתוּנָה גֶעהַאט, זֵיי הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט גֶעקְלוֹיבְּט.

יָארְן לוֹיפְן אַרִיבֶּער, מֶען גֶעבְּט זִיךְ אֵיין דְרֵייא אוּן מֶען גֵייט שׁוֹין צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, דוּ פוּן דַיין זַייט זָאלְסְטוּ נִישְׁט זַיין קַיין עִכּוּב; אַז אַ שַׁדְכָן רוּפְט דִיר - זָאלְסְטוּ מִיט אַרְבֶּעטְן אוּן זָאגְן אַז דוּ ווִילְסְט זִיךְ טְרֶעפְן, נָאר אַזוֹי וֶועסְטוּ חֲתוּנָה הָאבְּן. אַזוֹי וִוי רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "דִי יַם וֶועט נִישְׁט קוּמֶען צוּ מִיר, אוּן אוֹיבּ אִיךְ ווִיל פָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל - דַארְף אִיךְ פָארְן צוּם יַם"; אַזוֹי אוֹיךְ בַּיי דִיר, פוּן זִיךְ קְלוֹיבְּן 'אִיךְ דַארְף נָאר אַ שִׁידוּךְ מִיט דִי אַלֶע תְּנָאִים' - וֶועט גָארְנִישְׁט וֶוערְן, מֶען דַארְף חֲתוּנָה הָאבְּן צוּ טוּן רְצוֹן הַשֵּׁם, נִישְׁט רָצוֹן עַצְמוֹ.

...

### מֶען הֶעלְפְט דִי מוֹסָד מִיטְ'ן גַאנְצְן הַארְץ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת קֹרַח, ב' דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ב לפ"ק

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

הָאַבְרֵךְ ... הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט אַז מֶען הָאט גֶעשְׁמוּעֶסְט ... מִיט ...., זֵיי הָאבְּן דִיר זֵייעֶר אוֹיסְגֶעלוֹיבְּט, דַיין גֶעטְרֵיישַׁאפְט, וִוי דוּ הָאסְט אַוֶועקְגֶעגֶעבְּן נֶעכְטְן אַ גַאנְצֶע טָאג פַאר דִי קָאנְטְרִי, צוּ מַאכְן לֶעקְטֶער אַז

מִשְׁפָּחוֹת זָאלְן קֶענֶען קוּמֶען שׁוֹין אוֹיף דֶעם שַׁבָּת.

אִיךְ בִּין זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ בִּכְלַל אוּן פוּן דִיר בִּפְרַט, ווִי יְעֶדֶער אֵיינֶער הָאט אַזַא גֶעפִּיל, אַזַא הֲנָאָה - צוּ טוּן פַאר דִי מוֹסָד, יֶעדֶער שְׁפִּירְט בַּיים הֶעלְפְן דִי מוֹסָד ווִי מֶען הֶעלְפְט זִיךְ אַלֵיינְס, מֶען טוּט דָאס מִיט דִי גַאנְצֶע הַארְץ; נָאר אַזוֹי הַאלְטְן מִיר דָא ווִי מִיר הַאלְטְן, עֶס אִיז יֶעצְט גֶעוָוארְן דְרֵיי יָאר פוּן דִי הִתְיַיסְדוּת פוּן אוּנְזֶער שְׁטֶעטְל אוּן מֶען הָאט אַזַא שֵׁיינֶע קְהִילָה.

אַז מִיר וֶועלְן וַוייטֶער גֵיין אוֹיף דֶעם וֶועג, אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וֶועלְן זִיךְ פִירְן ווִי אַזוֹי מֶען פִירְט זִיךְ, וֶועט בִּיז אַ קוּרְצֶע צַייט זַיין דָא אַ שְׁטָאט; נִישְׁט אַ שְׁטֶעטְל, נָאר אַ שְׁטָאט פוּן טוֹיזְנְטֶער מִשְׁפָּחוֹת.

...

**אַז מֶען אִיז מְכַבֵּד דִי וַוייבּ הָאט מֶען אוֹיסְטֶערְלִישֶׁע הַצְלָחָה**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת קֹרַח, ב׳ דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ב לפ״ק

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע חֶסֶד אַז דוּ הָאסְט אַזוֹי גוּט חֲתוּנָה גֶעהַאט, הָאסְט אַ מַתָּנָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַ גוּטֶע וואוֹילֶע וַוייבּ מִיט אַ לִיכְטִיג קִינְד; וָואס נָאךְ דַארְף אַ מֶענְטְשׁ? וָואס נָאךְ קֶען מֶען הָאבְּן? אַז מֶען הָאט אַ מִשְׁפָּחָה אִיז מֶען רַייךְ.

אִיךְ הָאף, אוּן אִיךְ בֶּעט דִיר זָאלְסְט רֶעדְן שֵׁיין צוּ דַיין וַוייבּ, רֶעד צוּ אִיר וֵוייךְ, רֶעד צוּ אִיר הַארְצִיג, דַיין גַאנְצֶע הַצְלָחָה אִיז גֶעוָואנְדְן אִין דֶעם; אַז מֶען אִיז מְכַבֵּד דִי וַוייבּ, מֶען רֶעדְט שֵׁיין - הָאט מֶען אוֹיסְטֶערְלִישֶׁע הַצְלָחָה.

גֵיי שְׁפַּאצִירְן אַבִּיסְל אִין פֶעלְד יֶעדְן טָאג, רֶעד זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דוּ וואוֹינְסְט אִין שְׁטֶעטְל, עֶס אִיז דָאךְ אַ מְחַיֶּ׳ צוּ שְׁפַּאצִירְן צְווִישְׁן דִי גְרָאז אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

...